STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01501

BAR KOKHBA

Abraham Goldfaden

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01501-6

D:\YIDDISH\TITLES\9780657015015T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

בר כוכבא

(דער זוהן פון דעם שטערן)

אָדער

דיא לעצטע טעג פון ירושלים.

אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמאַ אין ריימען, אין 4 אַקטען
מיט אַ פּראָלאָג, אין 14 בילדער.

פערפאסט פון

א. גאָלדפאדען.

(בעארבייטעט נאָך פיעלע היסטאָרישע קוועלען.)

— פערלאג פון דיא —

היברו פּאבלישינג קאמפּאני

52-50 עלדרידזש סט., ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.

50-52 ELDRIDGE ST.

NEW YORK.

בר כוכבא

(דער זוהן פון דעם שטערן)

אָדער

דיא לעצטע טעג פון ירושלים.

אַ מוזיקאַלישע מעלאָדראַמאַ אין ריימען, אין 4 אַקטען
מיט אַ פּראָלאָג, אין 14 בילדער.

פערפאַסט פון

א. גאָלדפאַדען.

(בעאַרבייטעט נאָך פיעלע היסטאָרישע קוועלען.)

— פערלאג פון דיא —
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
52-50 עלדרידזש סט., ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.
50-52 ELDRIDGE ST.
NEW YORK.

פראלאג.

דאס 1 בילד דער ניינטער אָב (תשעה באב).
— 2 — דער זוהן פון דעם שטערן.
— 3 — דער אויפשטאנד געגען דיא רוימער.

ערשטער אקט.

דאס 4 בילד פאפוס.
— 5 — בר־כוכבא ווירד געקריינט פאר א מלך אין ירושלים.

צווייטער אקט.

דאס 6 בילד דער משכון פון שלום.
— 7 — בר־כוכבא אנטלויפט רייטענדיג אויף א לייב.

דריטער אקט.

דאס 8. בילד אין דער תפיסה.
— 9. — בר־כוכבא מיט זיין חיל אין לאגער.
— 10. — דיא בעלאגערונג פון דער פעסטונג צעזארעא.

פירטער אקט.

דאס 11. בילד דיא סנהדרין.
— 12. — דער שרעקליכער מאָרד פון ר' אלעזר המודעי.
— 13. — דיא גייסט ערשיינונג.
— 14. — דיא צערשטערונג פון דער פעסטונג ביתר.

דיא פערזאנען.

בר־כוכבא (אדער בר כוזיבא), א הויכגעוואקסענער שטארק געבויטער מאן פון א יאהר 35.

עזריה, זיין פעלדמארשאל.

ר׳ אלעזר המודעי, איין אלטער תלמוד׳שער געלעהרטער.

דינה זיין טאכטער, איין יונגעס מעדכען (בר־כוכבא׳ס כלה).

טורנוס רופוס, דער רוימישער שטאטהאלטער אין ירושלים.

סעראפהינא, זיינע פרוי.

פאפוס, א רייכער יובעלהענדלער אין שומרון — א רויטער און א מיאוסע נער שטאלט, קרום אויף א פוס, און אויף איין אויג בלינד.

דער שומר פון דיא טויערען פון דער פעסטונג ביתר.

דער גייסט פון אלעזר המודעי.

דיא סנהדרין כהנים, לוים, יודיש מיליטער, פאהנען־טרעגער, בר־כוכבא׳ס לייבוואכע, געזאנדענטע פון אשור, פון מצרים, פון ערב. טענצער, מוזיקאנטען, קאהר פון זינגער, רוימיש מיליטער, רוימישע מעדכען, דיא צושויער בייא דער רוימישער ארענע, גלאדיאטארס, נעגערען, א ווילדער לייב, דאס חיל פון יהודה, דאס חיל פון רוים, פאלק. —

דיא געשיכטע קומט פאר — אמאל אין ירושלים — אין דער פעסטונג מעזארע און אין דער פעסטונג ביתר — דיא געשיכטע האנדעלט זיך זעכציג יאהר, נאך דעם חורבן בית־שני.

פראלאג.

ערשטע סצענע — ערשטעס בילד.

(שטעלט פאָר א שוהל, דער אָרון קודש פאַרדעקט מיט א שוואַרץ פרוכת. אויף איין עמוד נעבען איהם, שטעהט א מנורה, אין וועלכען עס צאַנקען עטליכע קנויטען, וואס האלטען שוין ביים אויסגעהען — אידען רעכטס און לינקס זיטצען אויף דער ערד, גאַנץ טרויעריג דיא קעפּ געבייגט, דיא הענד פאַרלעגט. אויפ'ן אונטערשטען טרעפּיל פונים אָרון הקודש זיטצט דער אַלטער ר' אלעזר, האלט אין דער האַנד א מגילה און זאָגט פאָר, ניט ווייט פון איהם אויף א בייַנקיל זיצט בר־כוכבא).

אלעזר. ווייַנט און קלאָגט אצינדער,
אללע ציון'ס קינדער!

אללע. נעבראָכען איז אונזער הערץ,
גרויס איז אונזער שמערץ. **ביסס**
אויף אונזער הייליג ירושלים, וואס איז תל געוואָרען,
אויף אונזער גלאַנץ און אונזער כבוד וואס איז פאַרלאָרען —

אלעזר. פון זיין הערץ האט גאָט אוועק גענומען זיין האַנד,
און אויף אונז אָנגעשיקט דעם בייזען פיינד;
דאס בית המקדש חרב געמאַכט,
און דיא כהנים אומגעבראַכט.

אללע. ער האט גערויבט, געברענט, געבראָכען,
אוצרות, הייזער, ביז אין גרינד,
און אָהן רחמנות האט ער געשטאָכען,
אונזער ווייב און קינד!

אלעזר אוי! אזוי זאָגט גאָטט אצינד:
(מיט איינעם פון דיא סנהדרין) איך קען דיך ניט מעהר
ביזט ניט מעהר מיין קינד
איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד!

אוי! ציון׳ס ליכט צאנקט אצינד;
לעשט אייבינ אוים —
שיינען וועט דיר ניט מעהר מיין קינד,
איבער דיינע זינד! איבער דיינע זינד!

אללע. טאקע דאריבער
בעטען מיר דיך איבער;
דיין כעס זאָלסטו שוין שטיללען,
מיר בעטען דיך פערצייהען,
וויל מיר בערייען,
אלסדינג וואס מיר האבען געטהון נישט נאך דיין וויללען.
- — — — - נישט נאך דיין ווילכען.
זעה וואס פון אונז איז אצ׳ינד געוואָרען,
נעהם צו שוין גאָטט שטאַרקער פון אונז דיין צאָרען;
הער אונז צו גאָטט, הער!
שטראָף אונז שוין ניט מעוהר! —

((אלעזר הייבט זיך אויף, בייגט זיך צום ארון קודש, טהוט א קוש דאס פרוכת ווענדעט זיך צום עולם).

אלעזר. הערט אוים בני יעקב, מיין פאָלק מיינע ברידער,
וועט אייך דער פאר גאָטט אויך צו הערען ווידער—.
אמת! ער האט אונז נוט געגעבען צו פיהלען זיין שארפע רוט,
ניט איין שונא האט זיך געבאָדען אין אונזער יודיש בלוט.
וויא א הונגערינער וואָלף האט ער זיך צו אונז אריין געהאפט,
געוואָרגען, געבראָכען צעררי׳סען, וואס ער האט דערטאפט.
אונזער לאַנד, פערברענט, אונזערע פעלדער—צוטרעטען,
אונזערע טייכען פערדאָרבען, אונזערע ווייגגערטנער צוקנעטען,
אונזער הייליג ציון אונזער שטאָלץ אונזער פראכט,
פערוויסט ביז אין גרונד, אללעס חרוב געמאכט;
דאס הייליגע בית המקדש, אונזער גאָטט׳ס עקסטרא צימער,
פעראונרייניגט שענדליך, געמאכט דערפון א טרימטער.
נערויבט דיא אוצרות, אלע כלי קודש,
פערשטערט אונזער יום טוב, שבת, ראש חודש.

פערשטערט דיא קרבנות, מיט זייער שיינעם ריח,
געקוילעט דיא כהנים, אויף דעם מזבח.
ירושלים׳ס שיינע טעכטער, ציון׳ס איידעלע קינדער,
אוועק געפירט געפאנגען, פאר קנעכט פארקויפט באזונדער;
ניט געשוינט קיין גרויע קעפ, תנאים, סופרים, קדמונים;
אבגעשונדען דיא הויט לעבעדיג פון חכמים ונבונים,
אויפגעשניטען מיט דער שארף דיא שוואנגערע ווייבער...
חתן, כלה בייא דער חופה צושניטען זייערע לייבער!...
איינגלעך פון דיא חדרים, צו הרג׳עט צו טריבען,
פיצליך קינדער פון דער ברוסט, אויף שטיינער צו ריבען!—
מיר שרייען צו גאָטט! מיר הייבען אָן צו טימלען,
מיר רייסען איין מיט אונזער געוויין אלע זיבען הימלען.
מיר מאַכען איהם שולדיג, מיר הייבען אָן צו שרייען,
דאָ וואַרפען מיר איהם פאָר, דאָ בעטען מיר פערצייהען:
„און דוא גרויסער גאָטט, זיצט דיר דאָרט אין דיין רוה,
„הערסט גאָר נישט—שווייגסט! און זעהסט דאס אלדינג צו:
„דיין וואָהנונג צושטערט מען, און דוא שווייגסט! בעל הבית?
„דיינע קינדער קוילעט מען, און דיך הארט ניט דאָס?
„איז דאס שעהן פאַר דיר, צו האסטו דערפון נחת?
„אז דער פיינד זאל זיך רייצען מיט אונז אויף צו להכעים:
„וואו איז אייער פאטער, אברהם׳ס הייליגע קינדער?
„אייער גרויסער גאָט וואס האט אייך באוויזען וואנדער?
„א יא איהר האט זיך גאר אומזיסט צו איהם געווענדט,
„פאר וואס קומט ער ניט אייך ראטעווען פון מיינע הענד!״ —
אָדער: — — — — — — — —
„אויף דארויף האסטו אונז באדארפט ארויס פיהרען פון מצרים,
„זאלסט לאזען אונז אלע אויסקוילען אין ירושלים!
„וואו איז דיין שבועה, וואס דוא האסט געשוואָרען א מאל,
„אונזערע הייליגע אָבות: אברהם, יצחק און ישראל!
„אז דיינע קינדער וועל איך מאַכען וויא בּיים ים דאס זאמד,
„אז דיינע קינדער וועל איך שיינקען דאס געבענשטע לאנד,
„אז אין דיינע קינדער וועלען זיך אלע פעלקער בענשען!״—

קינדער? אוי! א דאס איז שלעכט וואס מיר הייסען קינדער
ניט מענשען!

אה! מען זאל אונז שוין רופען „יודישע מענשען“ ניט „יודישע קינדער“.

מיר זיינען שולדיג אין אונזער אונגליק, מיר, יעדער באזונדער;
ווי נארישע שלעכטע קינדער האבען מיר געהאנדעלט אונגלייביג
גענען אונזער גרויסען גאָטט, וואס ער לעבט אייביג:
ער האט אונז געליעבט, מיר האבען זיך דערפון ניט געמאכט,
ער האט אונז א תורה געשיינקט, מיר האבען זיא פעראכט,
ער האט אונז גוטס געגעבען, מיר האבען עס ניט געוואוסט צו
שעטצען,

מיר האבען איהם דערצערינט מיט פרעמדע געטצען.
דאס ערשטע בית המקדש וואס ס'איז אזא פראכט געווען,
דורך וועמען איז עס חרוב געוואָרען ווען ניט דורך אונז אליין?
דאס צווייטע בית המקדש מיט זיינע שטארקע מויערן און ווענט
האבען מיר אליין איבערגעגעבען דעם פיינד אין דיא הענט! —
אוי! אויף דעם וויינט דאס הארץ, דאס איז אונזער אונגליק יודען,
וואס בייא אונז איז ניטאָ קיין אחדות! קיין פרידען! — (געלאָסען)
דערפאר לאָמיר זיך האלטען שטיל, אויף גאָטט זיך ניט באקלאָגען
און דאס שלעכטס וואס קומט אויף אונז, מיט בטחון איבערטראָגען.
לאָמיר איהם בעטען מיט א ריין הארץ, ניט פארשטעלט, מיט
נאמנות!

אונזער הערץ זאל זיין דער מזבח, אונזערע ריינע געדאנקען, — דיא
קרבנות!

און ביז מיר וועלען פערדינען, ער זאל אונז מוחל זיין,
זאלען מיר זיך פערהאלטען, רוהיג, שטיל און פיין.
לאָמיר בעטען פאר'ן ביסעל יודען, וואס זיינען נאך פערבליבען,
פאר דיא וואס זיינען דאָ, פאר דיא וואס זיינען פערטריבען,
לאָמיר פאָלגען דיא נייע הערשער, וואס זייא וועלען אונז געביטען
וועלען זייא אונז בעהאנדלען, מיט חסד, און מיט גוטען,
לאָמיר בעטען פאר'ן שלום פון אונזער צעזאר הנעלה,
ווייל אין זיין שלום וועט אונז שלום זיין — אָמן סלה!!! —

(ער קושט נאך אמאל דאס פרוכת -- נעהמ אראפ, שטעלט זיך אין א זייט. צגישען
די אידען הערט מען פערשידענע שטימען, און א טהייל מיט בר־כוכבאן אין
איינעם, שאקלען מיט די קעפ, וויא זייא וויליגען ניט איין — ענדליך ווערט אלעס
פערשוויגען און אויף די טרעפ פונ׳ם ארון הקודש טרעט ארויף בר־כוכבא,
טהוט א קוש דאס פרוכת און ווענדעט זיך אויך צום עולם).

בר־כוכבא. הערט אוים מיין פאלק איהר בני יהודה;
הערט מיך אוים מיינע ברידער, אפתחה פי ואגידה:
וויא רוהיג שטעהט דער וויינשטאק ווינטער באדעקט מיט שנעע,
איהם ארט ניט יעצט די קעלט, וויל ער קוויקט זיך מיט דער אידעע,
אז פון זיינע פריהעריגע טרויבען, טרינקט מען שוין לאנג וויין,
און אז ס׳וועט קומען דער זומער וועלען נייע שוין זיין;
אבער וועה איז דעם וויינשטאק, וואס אום זומער בעגין,
האפט איהם דער פראסט, אז ער הייבט נאר אן צו בליהען.
דעם קאלטען אלטער ארט ניט, וואס עס נעהמ פאר איהם יעצט פאר,
ער לעבט מיט דעם וואס עס וועט זיין, אדער וואס ס׳איז געוועזן צופאר.
די אלטע קלאגען אויף דעם בית המקדש, וואס איז געווארען פערברענט,
אויף די שטיינער וואס שוין לאנג צובראכען האט דעם פיינד׳ס הענד,
און זעהען ניט וואס ס׳טהוט זיך יעצט, ווייל זייערע אויגען זיינען טונקעל:
וואו אין דעם ארט פונ׳ם ארון הקודש, אין דעם הייליגען ווינקעל,
שטעלען אלע טאג די רוימער, זייערע בילדער און געטצען,
שפעטען פון אונזער גאט, אונז מיט דעם צו רייצען, אויף צו העטצען.
מיט דעם שטעבען זייא אוים, אונזערע פרישע יונגע אויגען,
דאס זעהט ניט דער אלטער קאפ, וואס איז שוין איינגעבויגען;
ער קוקט אראפ נאר אויף דער ערד, לאזט פאלען א פאר טרערען,
ער וועט ניט זשאלעווען א ווין טהאן, קרעכצען וועט איהר איהם הערען
אויף די בני ציון וואס זיינען שוין לאנג אומגעקומען,
וואס שלאפען שוין רוהיג, זיינען שוין לאנג זייערס איבערגעקומען—.
הויבט אויף אייערע קעפ, אלטע! וועט איהר אליין זאגען,
אז אויף די לעבעדיגע איז דא מעהר וויא אויף די טויטע צו קלאגען!
זעהט וויא אונזערע ברידער שניידט מען יעצט וויא די ביימער,
הערט וויא זייא קרעכצען אונטער דער שארפער האק פון די רוימער!!...
און אויף אייך אלטע חכמים, לייגען זייא דען כבוד?

האָס ערט זייא יתום — צו א בן מלך, צו א בן דוד!
א מינדסט ווימיש אינגעל שפייט אייך אין פנים,
רייסען אייך אָפּ דיא קליידער, מאַכען אייך סמנים;
איהר רעדט מיט זייא מיט גוטען, זייא ענטפערן אייך מיט כעס,
אוניער פערמעגען רויבט מען עפענטליך אין מיטען דער גאַס;
אונזערע פרויען שענדען זייא, און מיר טאָרען זיך ניט קלאָגען!—...
אָה ניין! וואס איהר ווילט מעגט איהר אייך זאָגען!
דאס יונגע הייסע בלוט, קען ניט צוזעהען אזוי קאלט,
יעדע מינוט פאר זיך, דעם שונא'ס מערדעריש געשטאַלט!—....
האקט מיר אָפּ דעם קאָפּ וואַרפט איהם אריין אין קבר!
נאָר ניט רייסען יעדער מינוט צו ביסלעך איטליכס אבר;
כל זמן דיא האנד איז דאָ לאָמיר זיא אויפהויבען,
אז שטאַרבען, זאָלען מיר אלע, וואס טויג איינעם אליין לעבען;
שטעהט אויף ברידער, אים נאמען פון אונזער הייליג לאנד,
און לאָמיר אויסקערען פון איהם, דעם שלעכטען בייזען פיינד!!—

(עס הערט ווידער צווישען דיא אידען א געטומעל וויא פריהער. בר־כוכבא געהט אראָפּ פון דיא טרעפּ, זעטצט זיך צוריק אויף זיין פלאַטץ. אלעזר טרעט ווידער ארויף צום ארון הקודש, הויבט אויף דיא הענד אויף א צייכען, אז ער וויל עפּעס זאָגען, אלע בלייבען שטיל און הערען זיך צו):

אלעזר. עס איז אמת ברידער, אז אין דיא יונגע ליגט כח,
עס פעהלט זייא אָבער דאצו דער איבערגעלייגטער מח —
אוי! בארעכענט נאָר גוט, איידער איהר הויבט אָן צו טהון,
אז נאָט האט איינמאל גוזר געווען אויף דער שטאָדט ציון,
וועט אייך ניט העלפען אייער יונג בלוט, ס'מעג זיין וויא פייער,
האט רחמנות אויף דעם רעסט ביסעל אידען אויב זייא זיינען בייא אייך טהייער.

מיט עזות און כעס וועט איהר נאָר אזוי פיעל נוטצען,
אז איהר וועט דיא רוימער אויף אונז נאָך מעהר צו היטצען!
און זייא וועלען אָנפאלען אויף אונז וויא דיא צורייצטע בערען,
דאס רעסט ביסעל אידען ביז אין אייןביינדעל צו פארצעהרען;
איך זאָג אייך נאָך אמאל וויכט איהר פאָלגען מיין עצה,
לאָמיר אָנבייגען פאר גאָט'ס רוט אונזער מידע פּלייצע.

לאָמיר זיך האַלטען בשלום, לאָמיר ליעבען אונזער קייזער,
מעהר האט אייך גאר ניט צו זאגען אייער אַכטער אַלעזר!

(ער געהט אַראָפּ פון דיא טרעפּ, געהט אַוועק לינקס, נאך איהם געהן נאך אלע סנהדרין מיט דיא אלע וועלכע שטימען מיט זיין מיינונג. בר־כוכבא טרעט ווידער אַרויף אויף דיא טרעפּ, ווענדעט זיך צו דיא איבעריגע וועלכע זיינען איבערגעבליבען אין שוהל).

בר־כוכבא. פון זיטצען און וואַרטען קען גאר ניט געשעהן,
קיין זאַך אין דער וועלט ווערט ניט פון זיך אליין;
אין מצרים וואָלטען אייביג געבליבען, אונזער אבות אבותינו,
ווען מיט געוואלד זאָל זייא ניט געוועזן ארויס שלעפּען משה רבינו.
מיר האבען שטענדיג געהאט העלדען וואס האבען געקעמפּפט,
ניט איין שטארקען פיינד האבען זייערע מאכט געדעמפּפט.
גלייך וויא דיא אַלטע געלעהרטע מיט דער חכמה מיט זייער,
האבען זיך פערדיענט זייער נאמען דיא הֶעלדען מכבער!

(מוזיק פאנגט אָן טרעמאלירען, עס ערשיינט א שטערן איבער זיין קאָפּ, ער הויבט אָן מיט מעהר פייער צו האלטען זיין רעדע).

דיא נבואה מוז קומען וואס דער נביא האט געזאגט אמאל:
„דרך כוכב מיעקב, וקם שבט מישראל"!
שטעהט אויף מיין פאָלק, קינדער פון איין גאָט!
נעהמט אייך צו דיא שווערדען ווער נאָר כח האט!
אראָפּוואַרפען זאָלען מיר פון אונז דיא ביטערע גזרה
און בויען דאס בית המקדש במהרה!!

(רעטשיטאטיוו):

ווער עס טרעט צו צו מיר, מי לה׳ אלי!
זאָל אויפהויבען דיא הענד ביים נאמען אדוני!

(אלע הויבען זיך אויף פון דיא ערטער, הויבען אויף זייערע רעכטע הענד ארויף).

אללע. דיינע רייד האבען אונז אלע בעלעבט אָהן א שיעור,
אלע וויא איין מענש שטעהען מיר צו צו דיר.

פּיסס { עס לעבט אונזער בר־כוכבא! עס לעבט אונזער משיח
אין אונזער בית המקדש זאָל אויפגעבויט ווערען גיך!

ב ר־כ ו כ ב א. שווערט־זשע מיר אלע צו, שווערט מיר!

א ל ל ע. מיר שווערען! מיר שווערען! (ביס)

ב ר־כ ו כ ב א. שווערט איהר מיר פון דעם הערצען, שווערט מיר!

א ל כ ע. מיר שווערען! מיר שווערען! (ביס)

(בר־כוכבא נעהמט ארויס א ספר תורה פונ'ם ארון הקודש.)

ב ר־כ ו כ ב א. דאָ בייא דער ספר תורה סגולה יחידה!
שווערט איהר מיר אלע בית יעקב ויהודה.
אז יעדער פון אייך מיט לייב און זעעלע אמת זיין געטרייא,
וויא איין האנד, וויא איין מענש, זאָלט איהר אייך אויפהויבען פרייא.

צו דער נייער מלחמה קעגען דעם שונא,
א מלחמה וואס איז נאך ניט געווען ביז יעצט אזוינע.
שווערט־זשע מיר אלע צו, שווערט מיר;

א ל ל ע. מיר שווערען! מיר שווערען! (ביס)

ב ר־כ ו כ ב א. שווערט איהר מיר פון דעם הערצען שווערט מיר!

א כ ל ע. מיר שווערען! מיר שווערען! (ביס)

ב ר־כ ו כ ב א. זאָגט מיר נאך דאס וואָרט פון דער שבועה,
און קאָהר פאר גאָט און פאר זיין פאָלק, בין איך מכריז ומודיע,
אז ווער עם וועט זיין פאלש — פון אונז אָבטהיילען,
און וועט במסירה אונזער סוד דערצעהלען.
איז איין געזעטץ דער טויט! נעטייט אויף דעם אָרט,
יעצט, יעצט פאר דעם עדות דער ספר תורה גיט־זשע מיר אלע דאס וואָרט!

פאר דעם עדות גיט־זשע מיר אלע דאס וואָרט;
געדענקט־זשע גוט;

א ל ל ע. מיר געדענקען אלע גוט! —

ב ר־כ ו כ ב א. איהר האט מיר צוגעשוואָרען!

א ל ל ע. מיר שווערען אכע גלייך,
מיר שווערען! מיר שווערען! מיר שווערען!!

(בר־כ ו כ ב א הויבט אויף דיא ספר תורה אין דער הויך, נאך איהם הויבען אויף אלע דיא הענד אין דער הויך, און וועהרענד זייא ענגיגען, לאָזט זיך דער פאָרהאַנג שנעל אראָפ.)

ערשטער אקט.

ערשטע סצענע — צווייטעס בילד.

(שטעלט פאָר אלעזר׳ס צימער, דינה מיט נאך עטליכע פרויען זיצען אויף נידעריגע זעסליך און זינגען.)

דינה. וויינט־זשע אלע ציון׳ס טעכטער,
קלאָגט־זשע קינדער אלע ביינאנד,
אויף דער נויט, דער צייט דער שלעכטער,
וואס האט געטראָפען אונזער לאנד.
אראָפּגעפאלען איז אונזער שטערן
אין דער ערד פערשמירט;
צובראָכען דיא קרוין פון אונזער שטערן
וואס האט אונז אזוי געצירט.

פרויען. נאָט זעה אונזערע טרערען,
אונזער נויט און פּיין;
וויינען װעלען מיר ניט אויפהערען
ביז דיא הילף וועט זיין.

דינה. רייך וויא א מלכה מיט בריליאנטען
אין דיא היילינע שטאָדט געװען;
ביי דיא שררות גרעסטע פראַנטען
האט זיא כבוד געהאט, זעהר פיעל חן.
אזוי וויא דיא שטערן ארום דער לבנה
האבען מיר זיך געשפּיגעלט אין איהר;
אוי! היינט הייסט זיא דיא אלמנה
און איהרע יתומות זיינען מיר.

פרויען. נאָט זעה אונזערע טרערען.... א. ז. װ.

ד י נ ה. אזוי זיטצט דיא אלמנה ירושלים
אויף דער ערד צווישען מיסט,
און איהר איינציג קינד אפרים,
טולעט זיא צו צו איהרע בריסט....
„פערטריבען האסטו — וויינט זיא — „גאָט ליעבער
מיין אידעלעך און ישראל;
אוי! לאָז מיר חאָטש דעם קדיש איבער
ער זאָל מיך געדענקען חאָטש אמאל!„

פ ר ו י ע ן. גאָט זעה אונזערע טרערען ... א. ז. וו.

ד י נ ה. יעצט נעהם איך שוועסטער ליעבע יעדע צו זיך אהיים!
איהר זאָלט ניט פערגעסען, אז אין טאָג אין דעם
איז א דאָפּעלטער טרויער, ווייל אין דעם חודש
איז חרוב געוואָרען דאס ערשטע און דאס צווייטע בית קודש — .
ניט דענקען פון שמחה, ניט ווייזען זיך אויף דער גאַס,
דיא ווילדע רוימער זאָלען ניט טרייבען מיט אייך קיין שפּאַס;
ביז גאָט וועט זיך ווידער אין אונז דערמאָנען,
און מיט זיין ליכטיגען חסד אונז ווידער באשיינען!

(פרויען געהען אוועק לינקס **ד י נ ה** קוקט זייא טרויעריג נאך און בלייבט שטעהן נאכדענקענד.)

מיט זיין ליכטיגען חסד אונז ווידער באשיינען!
יא! עפּעס איז מיר לייכט דאס הארץ, איך ווייס ניט פון וואנען...
עפּעס זאָגט עס מיר בסוד פרעהליכע נביאות;
אז ניך און באלד וועלען קומען דיא ישועות!...
חאָטש מיין אַלטער פאטער, דער הייליגער קלוגער געלעהרטער,
מאכט מיר שווער דאס הערץ, מיט זיינע קלאָהרע ווערטער;
מיט זיין ליעבע נאָר צו שלום, מיט זיין האס צו מלחמה,
רוקט ער מיר אָן שווארצע וואָלקען אויף מיין ריינער נשמה;
דייא ווערען אָבער פערשוואונדען, זייא בלייבען ניט ניך,
בייא דעם איינעם געדאנק פון מיין שמעון דער משיח!
אָה! ניט פיעל אזוינע יונגע לייט בעגאבט מיט פערשטאַנד,
האט ארויסגעגעבען ירושלים דאס געבענשטע לאַנד!—

צווישען עדלע געלעהרטע, איז זיין גייסט ערצויגען,
חכמה און בינה, שיינט איהם ארויס פון דיא אויגען,
פון זיין שטארקער ברוסט רעדט ארויס דיא גבורה,
געשאפען צו א מלך איז זיין עדעלע צורה,
און אין זיינע אדערן הערט מען דאס הייסע בלוט זידען,
פאר זיין גאט! פאר זיין לאנד און פאר זיינע אידען!!

צווייטע סצענע.

(אלעזר קומט אן פון דער מיט טהיר, דינה וויא זיא דערזעהט איהם, לויפט זיא איהם אקעגען, קושט איהם אין דער האנד, ער זיא אין שטערן.)

אלעזר. האסטו שוין דיא קינות אפגעזאגט, מיין טהייער איינציג קינד,
גאט זאל אונז טרייסטען, און מוחל זיין אונזערע זינד!

(בייא דיא ווערטער לאזט דינה פאלען א פאאר טרעהרען.)

טרערען? יא, דאס זיינען אונזערע איינציגע מתנות,
וואס מיר קענען מקריב זיין, אנשטאט אונזערע פערלארענע קרבנות

דינה. פאר וואס זאגסטו טהייערער פאטער פערלוירען?
זיינען דען אויף אייביג שוין פערזונקען ציון'ס שטאלצע טויערען?
האבען מיר דען ניט צו האפען און אפילו נאך גאר גיך,
אז צוריק שטעלען אונזער גלאנץ וועט קומען דער משיח!

אלעזר. יא קומען וועט ער, אבער ווען? דיא צייט איז וויט, גאנץ וויט,
ניט פאר אונז צו דערלעבען, ניט אפילו פאר אייך יונגע לייט!

דינה. פאר וואס גאנץ וויט? ווען ער איז שוין דא,
ער וועט קעמפפען געגען דיא רוימער אין א גוטע שעה.
זעה, וויא אלע אידען האבען זיך דערפרייט מיט דער בשורה,
עס איבערראשט יעדען בר־כוכבא'ס חכמה און גבורה.

אלעזר. אלע אידען פרייט עס, און איך וויין מיט ביטערע טרערען,
בר־כוזיבא הייסט ער, ניט בר־כוכבא דער זוהן פון דיא שטערן;

א לינגער, א פאלשער זשיח! (ווייכער) אפשר פעהל איך?
(ענטשיערען) ניין דאס איז געוויס, אז ער איז א מורד נעגען גאָט און מלך

שלום שרייא איך, שלום! לאָמיר לעבען צופרידען,
לאָמיר אָפּהיטען דאס רעשט ביסעל איבערגעבליבענע אידען;
גאָט הייסט דינען דיא רוימער, לאָמיר זייא זיין געטרייא,
דען מיט עזות געהן וויא ער, זיינען מיר אלע פארבייא!

דינה. בייא גאָט אליין איז אָנגענומען, אז מען שטארבט צוליעב זיין נאמען וועגען,
אלע אין איינעם וועלען מיר קעמפּפען, אלע אין איינעם דיא קעפּ לעגען;
פאר אונזער הייליג לאנד, פאר אונזער הייליגער אמונה.

אלעזר (חאפּט זיך אויף וויא מיט מורא) אי! אי!
אוך דוא ביסט שוין מיט זייא מיין טהייערע דינה;
ער האט שוין פערדרייט דיא קעפּ אלע יונגע לייט,
ניין טאָכטער איך זאג דיר, אז דאס איז ניט דיא רעכטע צייט,
דאס איז נאָר א צו להכעיס, ניט קיין הייליגע מלחמה;
אין מיר רעדט דיא נבואה, איך הער א קול ברמה:
„געפאלען איז ציון, אזוי גיך וועט זיא ניט אויפשטעהען“
(מיט טרעהרען). מיינע אויגען האבען שוין איינמאל איהר פאלען געזעהען,
נאָר מעהר זיין דערבייא, וויל איך גאר ניט דערלעבען,
און אין אייער פאלשען משיח וויל איך ניט גלויבען;
לאָז מיך בעווייגען דעם אלטען חורבן, דאס בין איך געוויהנט,
(נאכדענקענד) ניין, אויף א נייעם חורבן, קלעקט מיר שוין ניט מיינע טרעהרען!

דינה. פאטער! (זיא פאלט איהם אויף דעם האלז).

אלעזר. (בעטראכט זיא מיט וועהמוטה) איידער דיך פערלירען מיינע אויגען זאָלען זעהען,
לאָז בעסער מיך פריהער פאר דיר אויסגעהען! —
געדענקסטו מיינע קינות, וואס איך פלעג שטענדיג קלאָגען?
זאָג מיר נאָך, טאָכטער, וויא דוא פלעגסט מיר שטענדיג נאכזאָגען:

(ביידע זינגען) אוי ! אזוי זאָגט גאָט אצינד:
איך קען דיך ניט מעהר
ביסט ניט מעהר מיין קינד!
איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד:
אוי ! ציון'ס ליכט צאנקט אצינד,
לעשט אייביג אוים —
שיינען וועט דיר ניט מעהר מיין קינד,
איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד! —

(אלעזר געהט אוועק רעכטס — דינה קוקט איהם נאָך)

דינה. ער איז איבערגעשראָקען געביך, ווייל ער אליין
האט דיא שרעקליכע סצענע פונ'ם לעצטען חורבן געזעהן!

דריטע סצענע.

(דינה בלייבט שטעהען פערטראכט — בר־כוכבא, קומט אָן פון דער מיט
טהיר, ער געהט צו צו איהר, געהמט זיא אָן בייא דער האנד, זיא ווערט אנפאנגס
וויא איבערגעשראָקען, נור נאכהער בעווייזט זיא א פרייע מינע).

בר־כוכבא. נאר אומגעריכט בין איך געקומען צו דיר אצינד
ועסט מיר געוויס מוחל זיין, מיין טהייער געשוועסטער קינד! —

דינה (איראָניש) איך זאָל דיר פערצייהען? דוא מיינסט פון מיר צו לאַכען!
איך—דיר? ווער קען זיך צו דיר יעצט גלייכען?
איך בין אלץ דיא ארמע דינה, עס איז קיין שאנדע אפילו
נו, און דוא? דוא ביזט דאָך היינט געוואָרען נאר עולה לגדולה:
דיך טראָגט יעצט דאס פאָלק אויף דיא הענד ארום
עס איז מיר נאר א וואונדער אז דוא קוקסט זיך נאר אויף מיר
אום?...

בר־כוכבא. אזא פאָרוואורף פון דיר דארף איך ניט פערדינען! —
ווער ווייסט נאָך מעהר וויא דוא? ווער מיר ליגט אין
זינגען...

bk

און ווען מיין פאָלק וועט מיך אויף צום מלך קריינען
וועט דיא צווייטע קרוין, אלס מלכה, דיין קאָפּ
באשיינען—.
אָה! ניט פיעל אזוינע גאָלדשטיקע, וויא דוא, מיין ליעבע דינה,
געפינען זיך אין דיא אוצרות פון אונזער רייכער מדינה!

דינה. נו, נו! גענוג — אה! עס פּאַסט גאר ניט, מיין ליעבער,
אזוינע צערטליכע ווערטער, בפרט נאך פאר דיר, אזא גבור—.
דאס איין אנדערס מאל!—מיר האבען איבער בילבערס זיך צו
ראַטהען....
וויא געהט עס דיר מיט דיין פּלאַן, וועט עס דיר געראַטהען?!

בר־כוכבא. פון געראַטהען פרעגסטו? פון דעם איז שוין קיין רעדע
דער פּלאַן איז שוין אויסגעפיהרט, בעשלאָסען פון דער עדה
מיר האבען שוין צושיקט אין דער גאנצער אומגעגענד א ידיעה;
אַרום און אַרום! אין אַפריקא, ציפּפּערין, אלכסנדריא,
אין אלע ערטער וואו אונזערע ברידער זיינען פערבאַנט,
אלע וויא איין מענש שטעהן זייא גרייט, אלע איין האנד,
שטרעקען דאס לעבען, אין דער מלחמה דער נייער,
אלעס ענטקעגען שונא, ברענט וויא א פייער,
פאַרטיג זיינען אלע קריגס גערעטהע, נאָר — בעהאַלטען ליגט דער
פונק...
איין בלאָז איז פאַרטיג! מען וואַרט נאָר אויף מיין ווינק!...
אפילו ר׳ עקיבא דער אלטער חכם, פאָהרט אין אלע שטעדט
און מאַכט מיר מיט זיין איינפלוס, פיעלע מענשען גרייט —
אלע — אלע זיינען מיט מיר, אלע פון גרויס ביז קליין!--
נאָר! —

דינה. נאָר?...

בר־כוכבא. יא, נאָר איין געננער האב איך, זאָל איך דיר געשטעהען?
דוא וועסט מיר מוזען פערצייהען, וויל דיא פערזאָן איז דיר
נעהער...
יער אנצינער געננער איז... דיין פאטער! — עס פערדריסט מיך
זעהר!

(ער קעהרט אָפּ דאָס פּנים פון איהר ברודער.)

דינה. איהם האסטו ניט צו פערגיבען האָבען, מיין ליעבער שמעון,
איך האָב מיט איהם נענוג געמענה'ט איידער דוא ביזט געקומען,
עס האט מיך זעהר געקריינקט, איך מוז דיר דעם אמת זאָגען,
ווייל מיין טענה'ן האט מיין אלטען פאטער שטארק דערשלאָגען;
ער איז דאָך מיין צערטליכער פאטער און זעהר טהייער בייא מיר,
איהם קריינקט עס זעהר, וואס איך האלט מיט דיר,
ער שרייט נאָר שלום, שלום איז זיין שטרעבען!
ער האט שוין געזעהען, זאָגט ער, אזוינע פעלע אין זיין לעבען,
אז מיט בייזען מאכט מען ערגער, אזוי איז נאָך זיין מיין —
איך בין אליין דאגעגען; נאָר בייא איינעם בין איך געבליבען שטעהן,
אז ער האט מיר בעוויזען, אז ווען שוין אויך צו א מלחמה,
וועט איהר אויך מוזען פערשפּיעלען — ווייסטו פאר וואס מיין נשמה?
ווייל ער קען נוט דיא טבע פון זיין ליעב פאָלק ישראל,
וואס איבער דעם האבען זייא שוין דיא שטאָט פערשפּיעלט צווייא מאל:
אחדות! פעהלט איהם, אחדות! דאס פעהלט איהם, דאס דארף ער,
וויא זאָגסטו שמעון? דאס איז א קוק א שארפער?!....

בר־כוכבא. ווען נאָר וועגען דעם איז זיין מורא גרויס,
האָב איך מאקע מזל, זעה איך אין דעם ארויס,
איך זאג דיר, אז וויא א צויבער איז פון דעם גאנצען עולם
פון פערשיעדענע סעקטען געוואָרען יעצט איין גולם:
דאס וואָרט „סעקטא" איז אָפּגעמעקט, עס לעבט שוין ניט מעהר
מען הערט שוין ניט „עסעער", פאריזעער", סאדוקעער",
יעדער מינדעסטער איז שוין מיעד צו דערטראָגען אויף זיין ריקען,
פון דיא רויהע רוימישע הערשער, דאס שווערע אונטערדריקען,
איך האב פון אלע זייטען ברכות, בין זייער מלאך מושיע!
מען שיקט מיר אפילו פון וויטען געטריישאפט און שבועה,
און צום צייכען, אז אלעס פאר מיר שטעהט און געהט
אז מאָרגען גאנץ פריה, מאכען זיך שוין אלע גרייט,
צו קריינען מיך אין ביתר פאר דעם מלך משיח!...

דינה (מיט פרייד). אזוי? נו ווינש איך דיר, אז גאָט זאָל דיך זיין מצליח
ווייל דאס וואס דוא נעהמסט דיך אונטער איז ניט קיין קליינע זאַך —
דאָ שטעהט א לאַנד צו רעטען אונטערדריקטע ברידער א סך —
נעה ניך מיין ליעבער, און גאָט זאָל זיין מלאך פאר דיר שיקען
אז וויא דוא ווערסט דיך ווענדען זאָל דיר גאָר גליקען! —

(נעהמען זיך אָן בייא דיא הענד — זינגען.)

ביידע. נעקומען איז דיא צייט
זיא איז שוין ניט ווייט,
יא, גאר ניט ווייט,

ער. דאס לאַנד בעפרייען } ביסס
זיא. יא, יא, בעפרייען }

ביידע. און דאס בית המקדש בענייען.

ער. יא, יא בענייען, } ביסס
זיא. דאס לאַנד בעפרייען, }

ביידע. אויפבויען אויף׳ס נייא.

בר־כוכבא. אַך דוא ווייסט ניט וויא מיר ליגט אין הערץ
דיא לאַגע פון מיינע ברידער!
צו זעהען קען איך ניט זייער שמערץ —
ניט הערען זייערע קלאַגע־ליעדער;
בעדריקט האט זייא דער פיינד,
דאָך רעטען וועט זייא ניך מיין האַנד.

ביידע. נעקומען איז דיא צייט (ביז אויפ׳ס נייא.)

דינה. גאָט זאָל זיין מלאָך שיקען,
אז דוא זאָלסט בעגליקען,
דיא שונאים אונטערדריקען,
פערניכטען זייא ביז אין גרונד;
צו דיר ווענדען זיך אונזער בליקען
צו אונזער גאָט און צו דיר אצונד! יא!

 bk

בייר ע. באלד וועט שוין ציון הערען ווידער
מונטערדיגע פרעהלאכדיגע ליעדער:
ירושלים איז בעפרייט) גיסט
דאס בית המקדש בעניים)
נאר מיט מוטה)
קראפט און בלוט)
דיך בעשטרעבען,)
אונזער גאנץ) גיסט
רוהם און גלאנץ)
אויף צו העבען)
יא! יא! ... אמן!)

(בר־כוכבא געהט אב לינקס).

דינה. (נאכדענקענד) אמן! אמן! אה, א געוואגטער שרים,
ווי עס לויפט צום טויט אזוי פרעהליך דאס יונגער בלוט
לויפען דעם מלאך המות ענטגעגען, ווי צו־א שפיעל...
דאס איז עפעס נאר איין אנדער געפיהל...
שטארבען, טעדטען, זעהען דעם שונא פערטריבען מיט שאנד,
זיינע ברידער בעפרייט — נערעטעט זיין לאנד —
ווידער זעהען דיא כהנים, דיענען ווי זיי דארפען,
ווידער הערען דיא לוים זינגען, שפילען אויף דיא הארפען,
ווידער אומקעהרען דיא אידען זייער פרעהלאך געמיטה...
(מיט ענטהוזיאזמוס) אה! ווערטה איז דאס אפפער! — איך פיהל
שוין ווי עס איז גוט! —

(זינגט).

איך זעה שוין, ווי עס ווערט פועהליך
אין ירושלים, וואס איז בעפרייט
און „עס לעבט דער מלך!"
הער איך שוין ווי מען שרייט
און טראגענדיג פיעל מתנות
צום בית המקדש קומען אידען נאר אהן א צאהל,
צו מקריב זיין דיא קרבנות
ווי עס פלעגט זיין אמאל

bk

און דיא לוים האלטען דיא הארפען, און זינגען אָט דעם שיר:

„מיר גריסען דיך ירושלים
„מיט איין בית־המקדש א נייעם!
„נאָט האט זיך מרחם געווען אויף ציון
„און האט איהר אומגעקערט דיא קרוין!" } ביסס

איך זעה שוין יעצט וויא פון ווייטען
אויף יעדען זאמדינגען בארג און טהאָל,
לאָזען זיך פון אַלע זייטען
בעקענטע אָהן א צאָהל:
דאס זיינען דיא געפאנגענע ברידער!...
אין גלות פערטריבען זיינען זייא געוועזן,
זייא קעהרען קיין ציון ווידער
און — דיא שטאָט אז ווען זייא דערזעהן

באלד גרייפען זייא דיא הארפען און זינגען אָט דעם שיר:

„מיר גריסען דיך ירושלים
„מיט איין בית־המקדש א נייעם!
„גאָט האט זיך מרחם געווען אויף ציון!
„און האט איהר אומגעקערט דיא קרוין!" } ביסס

פערטע סצענע.

(פאפוס קומט אַן, פון אונטער דער קוליסע הערט מען איהם שוין גלייך וויא ער זינגט, אין איין האַנד טראָגט ער א קעסטעלע מיט בריליאַנטען — אויף דער אנדערער איז אָנגעהאָנגען בייטשען מיט קאָראלען און פערלען).

פאפוס. ה' יברכך! דוא עדלע פיינע דינה
דוא שעהנע פערעל פון אונזער מדינה,
וואס דוא ביזט פול מיט דעת, חכמה, ובינה!
בעוויין מיר נאָר דיין פרייע מינע
און לאָז מיך הערען דיין זיס קול רנה
דוא וואוילע בתולה רכה ועדינה.

איך בעט דיך מיט רחמים און תחנונים,
איך זאָל ניט איינגעהמען קיין מיתה משונה ! —

ד י נ ה. וואס ווילסטו פאפוס, מיט דיינע משלים ? —

פ א פ ו ס. איך בין געקומען גלאט דיר אָפּגעבען שלום ! —

(ער רוקט זיך צו צו איהר, און בעטראַכט זיא מיט ליעבליכע בליקען, און זאָגט מיט א שמייכעל :)

דיא לבנה דאַרף צופרידען זיין—זיא שיינט מעהר און לייכט
ווען נעבען איהר שטעהט, דיא פינסטערע נאַכט !...
איך האב דיר געבראַכט ווייזען איין אַרטיקעל,
איך האב עס ניט לאַנג דערטאַפּט, אָבער א וואויל אנטיקעל !

(ער נעהמט אַרויס פונ'ם קעסטעלע א בריליאַנטענעם שטיין און ווייזט איהר.)

נאַ קוק דיך צו אויב דוא האסט אין דעם א ידיעה,
עס טרעפט זיך זעלטען אין דער וועלט אזא מציאה,
דער בריליאַנט פּאַסט נאָר פאַר א מלכה, און פאַר ד י ר ! —
איך האב איהם ד י ר געבראַכט, ד ו א זאָלסט איהם זעהען פריהער,
טאָמער געפעהלט ער דיר, בלייבט ער דיינער, מיט איין וואָרט,
אלא ניט — האב איך פון זיינעטוועגען שוין איין אַנדער אָרט —
איך וועל באלד מיט איהם צום קייזער האדריאַנוס לויפען
ער וועט איהם געווים בייא מיר פאַר זיין מלכה קויפען !

ד י נ ה. פאַר דיין געטריישאַפט, פּאַפוס, דאַנק איך דיר !
נאָר אויב דער שטיין איז פאַר א מלכה, איז ער ערשט ניט פאַר מיר,
אויך ווען איך זאָל זיין אימשטאַנדע איהם צו קויפען
וואָלט איך עס נישט געטהון, אָה ! ניין ! באין אופן—.
אָה ! דאס איז דער פעהלער פון פיעלע, וואס ציהען איבער דיא סטרונע,
א בירגערס א טאָכטער זאָל טראָגען דאס, וואס א קייזערינע ?
דאס מאַכט ניט קיין כבוד, נאָר דיא גרעסטע שאַנדע,
„אויסברענגער“, „פערשווענדערס“ הייסען מיר אים לאַנדע !

אן ווידער, יי יעצט דיא צייט, אויף דעם געלד צו פער־
שווענדען ?

געהרעו מיר האבען יעצט דאס געלד אויף וויכטיגערס צו
פערוועגדען ;

מיר דארפען האבען יעצט פראסטע שטיינער, ניט קיין עדלע
בריליאנטען,

דיא פראסטע שטיינער פונ׳ם בית המקדש, דאס זוכט מען
יעצט אנשטאט דיאמאנטען,

דיא דארפען מיר אויסקויפען מיט אונזער געלד — זאגאר לעבען....

פאפוס. נו אז ניט קיין שטיינער, מוז איך דיר עפעס אנדערש געבען.

(נעהמט ארויס פון דער האנד א שנור פעריל).

אט דאס שנור פעריל! הא? דאס איז א סחורה!

מענסט עס אנקוקען, נעהם עס! האב ניט קיין מורא!

פריוו עס דיר אויף דיין האלז, איך וועל דיך דערפאר ניט מאהנען,

אויף דיין ווייס העלזעלע וועט עס פאסען, וויא דער שנעע אויף דעם
בארג לבנון!

(דינה נעהמט עס און בעטראכט עס, נאכדעם פריווט זיא עס זיך אנטהון אויף
דעם האלז, פאפוס שטעהט נעבען איהר, און פערטיעפט זיך אין געדאנקען,
נאכדעם זאגט ער, מיט ענטשלאסענהייט, גאר וויא מיט בושה).

אה דינה! מיין ניט אז איך וועל שוין ניט געפעלען קיין כלות?

איך בין שווארץ, מיט א מום, האב איך דערפאר אנדערע מעלות:

אויף דעם ארט פון מיין אויג, פילל איך אוים מיט א בריליאנט!...

און אז איין פוס איז קירצער, ווילסטו — שטעה איך באלד
גאלאנט;

איך שטוקעווע צו מיין קעסטעלע, פול מיט געלד א סך.

(ער שטעלט דאס קעסטעלע אונטערן קרומען פוס).

און—שטעל מיך דארויף, שטעה איך שוין גלייך! — —

דינה! אה דינה! ניט נאר דאס, גלויב מיר,

איך האב נאך פיעל אוצרות, דיא געהערען אלע צו דיר

פאַר דיין א י י ן וואָרט קענסטו דאס אַלעס פאַרמאָגען
פאַר א י י ן וואָרט ! ווען דוא זאָלסט מיר נאַר זאָגען...

(ער בלייבט דאביוא שטיל פערשעהמט, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גלייך וויא ער ער
לחבט זיך ניט אַרויס צו זאָגען דאס איבעריגע אין גאַנצען. ד י נ ה קוקט איהם
פערוואונדערט אָן, וויא זיא פערשטעהט ניט וואס ער וויל.)

ד י נ ה. איך פערשטעה דיך ניט פּאַפּוס, ביזט דול עפּיס נאַר
וואס ווילסטו מיט דעם זאגען, לאָמיך וויסען אויף קלאָר?

(פּאַפּוס שטעהט אייניגע סעקונדען, נאכהער זאגט ער וויא ענטשלאָסען.)

פּ אָ פּ ו ס. אויף קלאָר? יא! אויף קלאָר, האָטש איך בין שווארץ,
יא, איך ערקלעהר דיר אויף קלאָר, מיין קאָלירענדיג הארץ:
ס'איז רויט וויא א פייער, ברענט — וויא טויזענד פלאַמען,
וויא דער בלאָזאק צונעהמט זיך עס און פאַלט ווידער צוזאַמען,
וויא דער האַמער אויף דעם אַמבאָס, אזוי קלאַפּט עס פעסט! —
אָה! א לאַנגע צייט, האט עס מיך שטיקערהייט געפרעסט...
איך קען שוין ניט אויסהאַלטען, ס'איז שוין איבער מיין כח,
מ'ענגסט מיך רופען: נאַר, משוגע, דולער מח!
בייא דיר אין דיא הענד ליגט יעצט מיין עשירות, מיין לעבען,
דיין איין וואָרט קען מיך בעלעבען, אָדער דעם טויט געבען...
(ווייכער) אָה! רעד ארויס דעם משפּט מיט דיא זיסע ליפּען דיינע:
קען איך האָפען? דינה! זאָלסט אייביג זיין מיינע? ! — —

ד י נ ה. עס טהוט מיר זעהר לייד אויף דער לאַנגע אויף דיינער! —
וויא וואַגסטו דאס צו זאָגען, דוא נארישער סאַמאַריטאַנער!
ר' אלעזר המודעי'ס טאָכטער, איבערצוקויפען מיט געלד?
חא! חא! חא! און ווער? גאַך אזא מיאוסע, שמוציגע, מבוזה
נעשטאַלט?
מיין שמעון בר־כוכבא פערבייטען פאַר אזא נבלה?...
(מיט האַס) ווער האט דיר דאס רעכט געגעבען, דוא שברי כלי
צו דענקען גאַר אזוי! — מיין נאָמען צו דערמאַנען
אויף דיינע טרפה'נע ליפּען!—גיך, אוועק פון דאַנען!
אוועק—אוועק פון דעם הייליגען אָרט, דוא חיה בזויה!
נא דיר, און געה דיר, מיט דיין מציאה!...

(זיא טהוט איהם א שמייך אין פנים דאס שנור פערל און געהט אוועק רעכטס, — פאפוס בלייבט שטעהן ___ ; און קוקט ; באלד אויף דעם ארט וואו אהין זיא איז אוועק געגאנגען, און באלד אויפ'ן שנור פערל וואס ליגט אויף דער ערד, נאכהער זאגט ער פאר זיך מיט א זיפץ :)

פאפוס. אָמן — אָמן ! — יא — אָמן סלה ! — ס'הייסט אנ־עק — אנ־עק !
(נאכדענקענד) „אוועק דוא חיה בזויה פון דעם הייליגען אָרט אוועק !"
וואס פאר א רוח האט מיך געטראָגען איך זאָל יעצט רעדען מיט
איהר ?
וואס האב איך איהר געדארפט מגלה זיין, וואס ס'ליגט אין הערצען
בייא מיר ?
נא — אויף אזא ברוך הבא האב איך מיך ניט געריכט ! —
„מיין — שמעון — בר — כוכבא !"... אהא ! אויב אזוי איז שוין
רעכט ! —
„שמעון בר־כוכבא ?"... ער שטעהט מיר אין וועג, דער גבור ?
אודאי קען מען ניט זאָגען ער איז א יונג א ליעבער !
מיט שווארצע לאָקען — צווייא גאנצע אייגעלעך ! —
צווייא גלייכע פיס. ער איז איהרער ? — — מעגליך ! —
וואס־זשע בין איך אין דער אמת בייא איהר אזא מציאה ?
וואו אהין־זשע שטופ איך מיך אין דער אמת'ן, איך חיה בזויה ?
„חיה בזויה ?" וואס הייסט „חיה ?" קיין מענש ניט אפילו !
וואס ? — מען לייקענט מיר גאר אָפ מיינע מענשליכע געפיהלע ?
ס'הייסט אז מען זידעלט מיך דארף איך ניט פערשטעהען ?
אז מען שניידט מיר דיא אָדערן, דארף קיין בלוט ניט געהען ?
מיין הארץ איז קיין הארץ ניט, וויל עס האט ניט דיא קלאָרע דעק ?
און אז ניט קיין שעהן פנים איז שוין אויס מענש ! — אנ־עק ? ! —
נאראָנים ! — ווייסט איהר דען ניט, אז דערפאר האב איך א סך
אינעווייניגסטע מעלות — אָה פיעל מעהר פון אייך !...
דיא נאטור איז ניט אזוי וויא איהר אזא שלעכטע, אזא שטרענגע,
דער־ניט זיא ניט איינעם איינס, גיט זיא איהם דאס צווייטע א
מענגע...
דערפאר וואס זיא האט מיר ניט אין קאָפ איין אויג דערוועגט,
האט זיא מיר אין מח דערפאר מעהר געהירן דערלעגט,

bk

אונטער מיין שווארצער הויט קלאפט דאס הארץ נאך גרעסער!
הייסער פליסט דאס בלוט, שטארקער און בעסער,
הייסער פון אייך האלט עס ליעבע, הייסער פון אייך קנאה,
הייסער פון אייך טראגט עס נקמה, הייסער פון אייך—שנאה;
איהר זייט אלע בייא מיר אין דיא הענד, איך וועל אייך ווייזען,
אה, דוא שעהנע דינה, מיט דיין שטארקען ווילען פון אייזען!
דוא אלעזר מיט דיין חכמה, בר־כוכבא מיט דיין גבורה!
זייערע ביינער וועלען צוקנאקען, מיינע שארפע ציין פון מסירה!
ראכע! ראכע! נקמה! אה וויא זיס ביסטו נקמה!
דוא ביסט יעצט מיין לעבען מיין — נשמה.

(זינגט).

אלסדינג איז בייא מיר פערשטעלט
מיט דער שווארצער מאסקע — דערפאר
היים איך בייא דער וועלט:
א קבצן און א נאר;
חא! חא! איך לאך מיך אויס! (ביס)

וואס דארף מיך יענער וויסען אז איך בין א גביר,
איך מאך מיך פאר א נאר מען זאל זיך ניט היטען פאר מיר
וואו מען דארף האב איך אויך כח,
וואו מען דארף בין איך פרום אויך,
אין חניפה בין איך ערשט גאר גרויס!

איך נאר אויס סודות בייא דיא קלוגע,
איך מאך זייא אלע דול, משוגע,
און טהו דערנאך א שפיצעל אפ אז ס׳טהוט זייא אלע וועה
און קוועל און לאך פון זייא — (ביס)

אוי דיא נקמה
איז מיין נשמה (ביס)
מיין לעבען, מיין נחמה!

און אז מיך האט מיט א מום
בעשאפען דיא נאטור,

אַן אַז איך בין בלינד אַן קרום
צו וואס טויג איך חלעבען נאר ?
וויי ! חא ! איך לאף מיך אוים ! (ביס)

אבער וואס דאס איין און איינציג איינעלע זעהט ?
אבער וואו אהין דאס איין און איינציג פיסעלע געהט ?
מיין שפרונג איז לופטיג,
מיין קוק איז ניפטיג,
קיינער ווייסט ניט בייא מיר אזוי גרויס ;

איך שפרינג אוים אויף אלע דעכער,
קוק מיר אוים שטיל אלע לעכער,
און טהו דערנאך א שפיצעל אָפּ, אז ס'טהוט וויא אלע געזונט
און קוועל און לאף פון זייא — (ביס)

אוי דיא נקמה
איז מיין נשמה
מיין לעבען, מיין נחמה ! } ביס

(לויפט ארויס לינקס).

פינפטע סצענע

דריטעס בילד.

(שטעלט פאר דעם הר המוריה — אויף איהם 4 שטאנגען, וועלכע זיינען בעהאנגען מיט אלערלייא בלומען געדעקט א באלדאכין — אויף דער ביהנע רעכטס שטעהט א טראָהן, מוזיק פאנגט אָן צו שפיעלען א מאַרש, עס קומען אָן פיעל אידיש מיליטער, שטעלען זיך לינקס אויף דער ביהנע, נאך דיא קומען אָן מיידלעך, מיט פריכטע און בלומען אין דיא הענד, שטעלען זיך אוים ביים ארויף גאנג דעם בארג. נאך זייא קומען אָן כהנים, לוים, און א סך פאָלק — נאכהער געהען פאהנען־טרעגער, פאלמען־טרעגער, מען פיהרט ארייַן בר־כוכבא אויף א פערגאָלדעטען וואָגען, צווייא נעגער שלעפען דעם וואָגען. ער געהט אראָפּ פונ'ם וואָגען, זעטצט זיך אויף דעם טראָהן, פער שיעדענע טענצער טאנצען פאר איהם, פריהער מיידליך, נאכהער דיא נעגער אין וועהרענד דאס אלעס ענדיגט זיך, נעהמען איהם אָן דיא כהנים מיט דיא זאנדעטע פון אשור, נאכהער ווילדע בעדואינער, אראבער, עגיפטער, לוים און פיהרען איהם ארויף אויפ'ן בארג וואו עס שטעהט דער באלדאכין, שטעלען איהם אנידער נעבען כהן גדול, וועלכער שטעהט שוין פון פריהער דאָרט מיט דעם שמן המשחה, כהנים טהון איהם דיא קרוין אָן, דער כהן גדול גיסט אויף איהם ארויף דעם שמן המשחה און זאלבט איהם.

(קאָהר זינגט).

אזוי וויא דוא ביזט דאָ ערהויבען,
מיר זאָלבען דיך אויף דעם אָרט,
אזוי זאָל גאָט פון אויבען
דיך זאָלבען אים הימעל דאָרט!

(מען טהוט איהם אָן דיא קרוין, ב ר־כ ו כ ב א געהט אַראָפּ בעגלייטעט פון כהנים מיט לוים, ער זעצט זיך אריין אינ׳ם וואָגען, דאס פאָלק לויפט ארום איהם און זינגען):

שרייט־זשע אויך;
שרייט אַלע בית־יהודה ברכו את השם
ירושלים אונזער הייליגע שטאָט
אונזער גלאַנץ און אונזער שיין,
עפען דיינע טויערן וויט
לאָז דיינע קינדער אריין!

האָח! האָח! האָח! מיט פויקען און מיט האַרפּע־קלאַנג
האָח! האָח! האָח! מיט טענצע און מיט געזאַנג!

(דיא ביהנע ווערט עלעקטריש בעלייכטעט — דער פאָרהאַנג פאַלט.)

צווייטער אקט.

ערשטע סצענע — פערטעס בילד:

(שטעלט פאָר א פראַכטפאַלען זאַאל ביא ט ו ר נ ו ס ר ו פ ו ס — רעכטס זיטצען ר ו פ ו ס און ס ע ר א פ ה י נ א, אויף צוויא גאָלדענע שטולען, לינקס שטעהען א סך האָף מיליטער, האלטען אין דיא הענד קריגליך מיט וויין און בעכערס. זייא גיסען אָן פון דיא קריגליך אין דיא בעכערס און טרינקען — א דיענער טראגט צו צו רופוס׳ן מיט סעראפינא אין צווייא גאָלדענע בעכערס וויין, שטעלט אַנידער פאר זייא — אללע זינגען):

ק אָ ה ר. שטאַרקער, שטאַרקער, זינגט־זשע אַלע ברידער!
ניכער ניכער טרינקט־זשע אוים און גיסט אָן ווידער!

שטארקער, שטארקער זינגט־זשע אלע ברידער!
ניבער, ניבער טרינקסט־זשע אויס דעם וויין! —

אייניגע. צו וועמען געהערט דיא גרעסטע מאכט?
אנדערע. צו דיא רוימער!
אייניגע. צו וועמען געהערט דיא גאנצע פראכט?
אנדערע. צו דיא רוימער!
אייניגע. ווער קען טרינקען, טרינקען בעסער? — יא, דיא רוימער.
אנדערע. ווער קען זינגען, זינגען גרעסער? — יא, דיא רוימער;
אללע. שטארקער, שטארקער, זינגט־זשע אלע ברידער,
ניבער, ניבער טרינקט־זשע אויס און גיסט אן ווידער!
שטארקער, שטארקער, זינגט־זשע אלע ברידער,
ניבער, ניבער, טרינקט־זשע אויס דעם וויין! —

צווייטע סצענע.

(פאפוס קומט אריין, פערבייגט זיך פאר אללע).

רופוס. אה! וואס מאכסטו פאפוס, מיין רויטער גוטער פריינד?
האסטו עפיס געבראכט נייעס, קומסט פונ׳ם לאנד?
(צו דיא דינער) גיסט איהם אן פונ׳ם רויטען, ער איז עפיס פערשמאכט,
(דינער גיבען איהם וויין.) נא טרינק פאפוס, זאג וואס האסטו עפיס געבראכט?
פאפוס. א, צופיעל כבוד, צעזאר, איך דאנק אייך זעהר! —
איהר ווייסט דאך, אז איך טרינק קיין וויין ניט מעהר,
בפרט אז יעדער זעהט, קוקט פון אלע זייטען....
ווייל איך האב פשוט מורא פאר א גוט אויג, ס׳קען מיר נאך שאטען...
אט קענט איהר טאקע באלד האבען א סימן:
אט ווארפט מען שוין אייגעלאך אויף מיר זינט איך בין געקומען;
ווייסט איהר טאקע ווער? איהר וועט אייך גאר ניט וועלען גלויבען,
טאקע, אייער געעדיגע פרוי! דיא צעזארין זאל לעבען!...

רופוס. (בלייבט זיטצען גלייך וויא פערווירדט. ער קוקט אויף סעראפהינא און זאגט וויא מיט איראָניע):

שעהן, מיין ליעבע סעראפהינא, איך האב עס ניט געגלויבט אויף דיר?
איז דאס וואהר? געשטעהע עס אָפען מיר!
דוא אייפערזיכטיגע פרוי, וויא פיעל דוא פלעגסט מיך פלאגען
מיט דיין וואהנזיניגער אייפערזוכט, און איך האב געמוזט שווייגען;
יעצט האב איך דיך דערטאפּט, זאָג ארויס שנעל!
איז ער מיין נעבען בוהלער? געהט א דועל! (צולאכט זיך)

סעראפהינא (קלאָמערשט וויינענד) אָה, מיין טהייערער מאן! — דוא מוזט מיר פערצייהען!

איך האב געטהון א פעהלער, וואס איך קען איהם ניט בערייהען,
איך געשטעהע דיר פרייא, איך טאָר עס ניט פארהוילען,
מיין הארץ ברענט אין מיר וויא געגליהטע קוילען,
מיין אויג האט געזינדיגט אין דעם מאָמענט!
זייט איך האב דערזעהן פאפוס'ן, מיט דעם שנור פערל אין דיא הענד..
אָה! איך בין פערליעבט אין דעם, איך לאָז קיין אויג ניט אראָפּ
(ליעבליך) קויף עס מיר, איך בעט דיך, בייא איהם גיכער אָפּ!

פאפוס (מיט א שמייכעל) נאָ! אויב פאפוס האט א גוטען קוק!
איך האב אייך געבראכט נאך א בעסערן אנטיק:
א בריליאנט! וואס טרעפט זיך זעלטען אזא מציאה,
איהר האט דאָך אין דיא זאכען, יא א גוטע ידיעה,
קוקט אייך איהם גוט אָן, איך געטרויע אייך אהיים,
איהר מעגט פרעגען מענשען, וואס זיינען מבינים אויף דעם;
נאָט אייך אויף דעם בונד פערל, נאָר זעהט היט עס אָפּ,
דיא קניפּליך ניט איבעררייסען, ווייל ס'נעהמט זיך אראָפּ! —

סעראפהינא. שעהן איך דאנק אייך, איך וועל נעהן בעטראכטען דעם שנור.
(צו רופוס'ן, וועהרענד זיא געהט אוועק מיט א שמייכעל).
נאָ מיין ליעבער? וועסטו נאך אייפערן אויף מיר?

רופוס (קוקט זיא ליעבליך אָן). געה מיין ליעבע! מעגסט עס דיר אָנקוקען—
(סעראפהינא געהט אוועק רעכטס צו פאפוס'ן):

וויא לאַנג פּאַפּוס וועסטו מיך אויסברענגען מיט דיינע אנטיקען ?

פּאַפּוס. דאס בינטעל מיט פּערל, האב איך געבראַכט דער צעזאַרין
פאַר אייך האב איך אויך א בינטעל, נאָר איהר זאָלט זיך ניט בייזערן ?—

רופוס (קוקט איהם פערוואונדערט אָן) א בינטעל מיט פערל האסטו אויך פאַר מיר ?

פּאַפּוס. יא! א בינטעל! נאָר מיט קניפּלעך — — ניט קיין שניר!...

רופוס (מיט כעס) רעדסט אלץ מיט דיינע רעטהזעלן, איך ווער שוין בייז, דוא הונד! —

פּאַפּוס. יא! פון אייערטווענען איז דאָ טאַקע א גאַנצער בונט!

(ער טהוט א וואונק צו רופוס'ן ער זאָל הייסען דעם עולם אַרויסגעהן — רופוס טהוט א מאַך מיט דער האַנד — אלע געהן אַרויס).

יא, קניפּליך א סך ווערט יעצט געמאַכט פון אלע אידען,
ווייל זייא זיינען פון דער רוימישער מאַכט ניט צופרידען.
דער בונד איז שוין אָפּגעמאַכט דאס איז געוויס,
אַז בייא איין פּיפּס שטעהען זייא אלע אויף דיא פיס,
ערקלעהרען קריעג דיא רוימער — אראָפּוואַרפען דעם יאָך,
דער אויפשטאַנד דאַרף געשעהען נאָך היינטיגע וואָך...

רופוס (בעטראַכט איהם דיא גאַנצע צייט מיט בעזע בליקען, נאָכהער זאָגט ער:)

אַוועק דוא יונגער! וואס פאַר א בעוויז קענסטו מיר געבען,
אַז איך קען דיר אויף דיינע שרעקליכע רייד גלויבען ?

פּאַפּוס. אָ צעזאַר! איהר קענט דאָך אייער פּאַפּוס'ן, דאַכט מיר, ניט פון היינט,
זאָגט־זשע אליין, איז אייך מיין געטריישאַפט ווייניג בעקאַנט ?

רופוס (געלאַסענער) יא, ביזט מיר געטרייא, ס'איז וואהר, פאַר וואס זאָל איך זאָגען,
איך האב מיך אויף דיין געטריישאַפט נישט צו בעקלאָגען;
נאָר אויב דאס איז ווירקליך אזוי, גיב מיר איין עצה דאַצו,
דערצעהל מיר, ערקלעהר מיר, ווער, וואס, ווען, וואו ?

קלוג ביסטו פאפוס, דער רוח האט דיך ניט גענומען,
צו גוטע עצות ביסטו שטענדיג צו ניטץ געקומען.... !

פאפוס. מיין עצה איז..... (פערטראכט)

רופוס. איז וואס ?

פאפוס. — — יא, אזוי מוז מען זעהן....

רופוס. (אונגעדולדיג) וויא אזוי, נו ?

פאפוס. מיין 'עצה איז...

רופוס. (מיט א געשרייא) איז וואס ! דוא רעדסט צו ניין ?

פאפוס. מיין עצה איז, דיא קעניגין פון דיא בינען צו דערטאפען
וועט איהר שוין אלע בינען, גאר גרינג קענען חאפען...

רופוס. ווידער רעדסטו מיט משלים, ווידער מיט דיין שפאס ?
רעדסט דייטליך, ווארום דוא ברייננסט מיך אין כעס !

פאפוס. וואס טויג דער כעס, מ'דארף נאר מיט גוטען געהען,
דיא זאך איז גאנץ פשוט : דא דארף מען נאר זעהען
דעם גרויסען קאפ בעקומען פון דער מרידה,
ער איז שוין יעצט געקריינט, פאר א מלך איבער יהודה — —
שמעון בר־כוכבא מיין איך, ער פיהרט דאס גאנצע רעדעל,
און ער מוז אויסגיסען פאר אלע דאס בעדעל !
איהם דארף מען נאר זעהן מאכען קירצער מיט א קאפ,
איז אהן סכנה, ווערט שטיל מיט איין קלאפ !—...

רופוס. (נאכדענקענד) יא, חאפען ? דאס איז קיין פליג — א געזונטע יונג !
צו דערטאפען אזא העלד, דארף ניט זיין אזוי גרינג,
וויא אזוי חאפט מען שנעל אזא ווילדען טיגער ?
אפשר ווייסטו ? נו זייא א קלוגער ! — —

פאפוס. בא ! מיר וועלען בעקומען איין עצה, אז מיר וועלען קלעהרען —

רופוס. געפינסטו ! וועסטו בייא מיר דיא רעכטע האנד ווערען,
אויסער דעם וואס דוא בעקומסט פון מיר א פולע האנד
גאלד און זילבער, (מיט א שמייכעל) וואס דאס האסטו דאך גאר פייע

פאפוס. אהו ! זאל נאט היטען ! — אזא מצוה פאר געלד צו פערקויפען !
וזיא פאפוס האט ליעב געלד, נאר ניט בייא אזא־נ'אופן :

דאָרט וואו מיין מלכות קען ליידען דערבייא...
אָט האט איהר מיין עצה אומזיסט! און ווייסט ווער ס'איז אייך גערטרייא?
איהר חאפט נאָר איין טוב, וועט דיא צווייטע טוב אליין קומען!..
איהר קענט דאָך ר' אלעזר המודעי, דעם אלטען, דעם פרומען?

רופוס. יא! ווער קען ניט דעם ערשטען געלעהרטען פון יהודה?

פאפוס. נו, און זיא קענט איהר דאָך אודאי! זיין שעהנע בת יחידה...
דינה! — ניט איין מאל האט זיא שפּאצירט אין דער גענענד,
(בייגט זיך צו צו איהם און זאגט מיט א שמייכעל):
איהר פלעגט שטענדיג וואַרפען אויף איהר אייגעלעך, ווען איהר האט זיא בעגעגענט...

רופוס. דינה? אָט דיא יודישע געטטין, דאס איז זיין קינד?

פאפוס. מם, מם! זיא איז שוין בר־כוכבא'ס כלה אצינד! —
דער אלטער האט זיא איהם צוגעזאָגט, אז ער וועט זיא איהם געבען,
נאָר דאמאלס, ווען ער וועט מיט דיא רוימער אין פרידען לעבען;
ער האט אָבער געשוואוירען, אז ער נעהמט ערשט דיא כלה,
ווען ער וועט ארויס טרייבען דיא רוימער אלע—.
אצינד דארפט איהר שוין ניט קלעהרען קיין סך,
וויא מע'דערטאַפּט דעם בחור אין פּאַלאַסט צו'ן אייך!...

רופוס. (קלעהרט) איך האב שוין געקלערט, נו וואס קלעהרסטו? זאָג?

פאפוס. (מיט א שמייכעל) אָה, דאס איז גוט געקלעהרט, קלוג וויא דער טאָג!
בלייבט עס, הייסט'ס, אז נאָר פאפוס דאַרף אונטערשטעלען זיין פּלייצע,
אלץ פאפוס דארף געבען דיא בעסטע עצה? (פויזע)
איהר זייט דאָך א גוטער יעגער, איהר חאַפּט דיא „זיא" פונ'ם טייבעל
וועט דער „ער" שוין אליין קומען צו פליהען צום ווייבעל!...

רופוס. ווידער מיט משלים? אָה דאס מאַכט מיר דעם טויט!
פאפוס! הער אויף צו וויצלען, ווען מ'שטעהט אין א נויט!

פאפוס. נו גענוג! — איהר שיקט רופען צו זיך ר' אלעזר דעם פרומען,
ער וועט צו'ן אייך אָהן זיין טאָכטער געוויס ניט קומען,

און מאכט אויף איהם א בלבול, אז ער האט דאָ אין גאנצען צו טחון,
און דער בונד איז ז י י ן ארבייט, (חאָטש ס׳הייבט זיך גאר ניט אָן),
ווייל ער איז דער איינציגער, וואָס שרייט נאָר פרידען!
ער האט שוין לאנג געוואָלט דאָ זיין בעטען פאר דיא יודען,
און אזוי וויא זיין טאָכטער וועט מיט איהם אויך געהען,
ווייל אויף דער עלטער לאָזט זיא איהם ניט געהען אליין,
וועט איהר זיין טאָכטער פאר א משכון בייא זיך פערהאלטען,
און אום צו מאכען שלום אוועק ישיקען אהיים דעם אלטען;
בר־כוכבא וועט עס באלד דערהערען, וועט ער גיך קומען צו לויפען,
זיין געפאנגענע געליעבטע פון אייערע הענד אויסצוקויפען,
דענסטמאָלט.... אז מען דערטאפט צו זיך אזא איין אנטיק,
מאכט מען איהם חיק! — חיק! — און עס וועט זיין מיט גליק!

(ווערענד ער זאָגט: „חיק חיק!" ווייזט ער מיט דעם פינגער איבער׳ן האלז, גלייך וויא מען קוילעט איינעם — רופוס צולייגט זיך איבער׳ן שטוהל און בלאָזט זיך אָן, גלייך וויא איינער וואס ווארפט פון זיך אראָפּ א שווערע משא!).

ר ו פ ו ס. אָה פאָ! א גאנצע לאסט איז מיר אראָפּ פונ׳ם הערצען!
דוא ווייסט גאר ניט וויא פיעל איך האב דערפון געהאט שמערצען.

(ער לייגט ארויף דיא האנד אויף זיין אקסעל.)

פאפוס! ווען איך פיהר דאס אויס אין אלע פאכען,
ווייסטו גאר ניט וויא גליקליך איך וועל דיך מאכען —
(צו דיא דינער) הע! שליח! ווער פון אייך וועט שנעלער געהען! ווער?
דעם אלטען אלעזר אויגענבליקליך ברייגגען אהער!

(א דיענער טרעט ארויס, פערנייגט זיך און געהט אוועק).

(צו פאפוס׳ן) באלד וועט מען זיא ברייגגען, איך האב שוין א בעפעהל געגעבען,
נו, אז ס׳איז יא אזוי, מוזען מיר שוין צו לעבען,
דינער! שנעל ברייגג אריין נאך אמאל פונ׳ם רויטען...
מיר וועלען טרינקען אויף דעם וואס העלפט אין אלע נויטען!

(דיענער ברייגגט אריין וויין, גיסט אן אין בעכער וואס פאר רופוס׳ן, נאכדעם טראָגט ער צו פאפוס׳ן א בעכער וויין, נאכהער גיסט ער אן אין אלע בעכערס פונ׳ם מיליטער.)

ר ו פ ו ס! (הייבט אויף זיין בעכער אין דער הויך, גיט א געשרייא) וויוואט!
א ל ל ע. וויוואט! וויוואט! (זינגען)

שטארקער, שטארקער, זינגט־זשע אלע ברידער!
ניכער, ניכער, טרינקט־זשע אויס און גיסט אן ווידער,
שטארקער, שטארקער, זינגט־זשע אלע ברידער,
גיכער, גיכער, טרינקט־זשע אויס דעם וויין!

איינינע. צו וועמען געהערט דיא גרעסטע מאכט?

אנדערע. צו דיא רוימער!

איינינע. צו וועמען געהערט דיא גאנצע פראכט?

אנדערע. צו דיא רוימער!

איינינע. ווער קען טרינקען, טרינקען בעסער?

אנדערע. יא, דיא רוימער!

איינינע. ווער קען זינגען, זינגען גרעסער?

אנדערע. יא, דיא רוימער! (4 מאל)

אללע. שטארקער! שטארקער! (ביז אויס דעם וויין).

רופוס. נאך אמאל — דאס זעלבע נאך איין מאל
יא, יא, ווידערהאלט עס אן א צאהל (ביסס)

אללע. שטארקער! שטארקער! (ביז אויס דעם וויין).

רופוס. אלע קרייגלאך מוזען ליידיג ווערען
אייער געביטער מוזט איהר אלע הערען (קאהר ביסס)

גיסט־זשע אן אויפ׳ס נייע וויין! (קאהר ביסס)
גיסט זשע אן אויפ׳ס נייע אט דעם רויטען וויין, (קאהר ביסס)
וויוואט! וויוואט! וויוואט! לאמיר פרעהליך זיין! (קאהר ביסס)

(ווערענד אלע טרינקען, זינגען, רוקט זיך פאפוס אלע מאל נעהנטער צו דער טהיר, ביז ער רוקט זיך ארויס אין גאנצען, אזוי אז קיינער בעמערקט עס ניט).

דריטע סצענע.

(אלעזר מיט דינה׳ן קומען אריין, פערבייגען זיך).

רופוס. וויא קומט עס, דוא אלטער חכם אלעזר,
וואס דוא רעדסט צו דיין פאלק מורד זיין אין דעם קייזער?

(אלעזר מיט דינה׳ן קוקען זיך פערוואונדערט אן).

אלעזר. מוזט מיר מוחל זיין, אָה צעזאר, לאנג זאָלסטו לעבען!
איך קען נאר ניט דיינקען, זאָלסט אויף מיר אזא זאך גלויבען;
בייא אלע קעניגע, און אין גאנצען לאנד בין איך בעקאנט,
אז נאָר שלום האב איך ליעב, קריעג האב איך פיינט,
איך שווער בייא מיין קינד, זיא איז בייא מיר טהייערער פון אלע סגולות,
אז דאס וואס מען האט דיר דערצעהלט, איז פאַלש און רכילות!

רופוס. איז דען דאס ניט אמת? איז דאס ניט קיין ראיה?
פאַר וואס שוויינסטו בר־כוכבא׳ן, אָט דער ווילדער חיה?
וואס אָנצומאכען בונטען, לויפט ער ארום וויא א רוח —
נארט אָפּ דיא יודען, און זאָגט ער איז משיח!

אלעזר. אמת, מיר יודען גלויבען, אז עס וועט קומען משיח,
נאָר דאס וועט זיין אמאל! אמאל, ניט אזוי גיך,
דערווייל, איידער עפּעס וועט אמאל זיין,
פערהאַלטען מיר זיך רוהיג, געלאסען און פיין;
ווער שמועסט דיינע דיענער זאָלען מיין פאָלק ניט אזוי דריקען,
ווען מען זאָל אונז בעהאַנדלען מענשליך, ניט אומזיסט זייא דערשטיקען;
וויא שטיל דאס פאָלק וואָלט געווען, וואָלסטו געזעהען אליין,
געמרייע קנעכט וואָלטען זייא דיר אייביג געווען;
וואָלסט אליין פון זייא אויף הנאָה געהאט,
נאָר לאָזען אונז רוהיג ליעבען, אונזער תורה! — אונזער גאָט!

רופוס. „אונזער תורה, אונזער גאָט!“ וויא קען זיך דאס פּאסען,
אזא תורה, וואס לערענט אייך אלע פעלקער האסען?
(איראָניש) איהר בעריהמט אייך, אז בייא אייער גאָט זיינען אלע נמאס,
נאָר אייך האט ער אויסגעקליבען פון אלע אומות!....

אלעזר. וועסט מיר מוזען מוחל זיין, ווערטהער פערטרעטער פונ׳ם קעניג,
אז איך וועל מיינען, אז דוא קענסט אונזער תורה זעהר וועניג! —
אונזער תורה הייסט נאָר ליעבען פרעמדע אָהן א שיעור,
דערפאר טאקע זיינען מיר אזוי שטאָלץ אויף איהר,
וויל זיא רעדט נאָר פון ברודערשאפט, ליעבע צו׳ן אלע גלייך —
פון רחמנות, גנאדע, בארמהערציגקייט א סך!

און וואס שאדט עס דעם הערשער, וואס האט אזעלכע אונטערטהאן,
אזוינע, וואס רעדען זיך מיט ר ע כ ט אן,
אז זייא האבען איין גאָט, וואס האט זייא דיא תורה גענעבען,
וואס הייסט אלע מענשען גלייך שעטצען און ליעבען,
בפרט דעם ג ו ט ע ן בעל־הבית וואס הערשט מיט ישרנות,
פאר איהם שטרעקען דאס לעבען, אפילו מיט סכנות!

ר ו פ ו ס. „בפרט דעם גוטען בעל־הבית וואס הערשט מיט ישרנות?"
איך פערשטעה דיך, דוא חכם, וואוהין עס ווינקט דיין לצנות,
ס'הייסט: מיר הערשען מיט יושר נאָר — — נאָר פערקעהרט!
אוי, אלטער פוקס ביסטו דערפאר ווערטה!

א ל ע ז ר. איך רעכען, אז אזא הערשער וויא ד ו א, וואס שטעהט אזוי הויך,
וואָלט ניט געשאט צו פערשטעהען מ ע נ ש ל י כ ק י י ט אויך! —
נים איין מאל האט אויף אונז געהערשט דער מלך פון פרס,
ער האט אונז גוט בעהאנדעלט, ניט אָנגעטהון קיין צרות,
האבען מיר אין אמת'ן, געבעטען פאר זיין לעבען: —
און צייט גאָט האט אונז אין דיא הענד פון דיא רוימער איבערגעגעבען,
איז באמת ניט אויסצושטעהן פון זייער רציחה!
איך בעקלאָג מיך ניט חלילה אויפ'ן מלך און אויף דער מלוכה,
ער זאָל אייביג לעבען, אָה! ער איז גוט וויא דיא וועלט,
איך רייד נאָר פון דיא ק ל י י נ ע הערשער, וואס ער האט איבער
אונז געשטעלט,
דיא ק ל י י נ ע הערשער ווייסען גאר פון קיין מענשליכקייט ניט,
זייא באָדען זיך אומבערחמנות אין אונזער יודיש בלוט,
געווים, ווען מ'וועט זייא אזוי מארטערן און קוועהלען,
וועט עס מוזען אָנקומען צום קייזער, מען וועט עס איהם דערצעהלען —
איך האב שוין לאנג געוואָלט קומען אהער צו געהן,
בעטען, זאָלסט אָנזאָגען דיינע מענשען זיך אונמענשליך ניט צו בענעהן,
פרעג מיט שלום, וועט מען דיר „שלום" ענטפער געבען! —
יא, שלום! — פאר „שלום" גאראנטיר איך דיר מיט מיין לעבען!

ר ו פ ו ס. גאראנטירסט מיר יא, אז דוא וועסט זעהען ס'זאָל זיין פרידען?
איך גלויב דיר אָבער וועניגער וויא אלע דיינע יודען! —

bk

א סי◼ וועל איך האבען, אז איך קען אויף דיינע רייד שטעגע,
אז דו◼ וועסט מיר געבען א משכון, וואס מיר וועט געפעלען:
קעהר דיך אהיים צוריק און ביז דוא וועסט ניט מאַבען שכום פריהער,
פערהאַלטען וועל איך פאַר א משכון דיין טאָכטער בייא מיר! —

(אלעזר מיט דינה׳ן ערשראָקען — שפרינגען אָפּ).

אלעזר. אָה!! צעזאר! וואס רעדסטו? איז ערנסט דיין מיין,
רופוס. (קאַלטבלוטיג) ערנסט! גאַנץ ערנסט, אזוי מוז, און אזוי וועט עס געשעהן! —
אלעזר. ניין! אָה ניין, איך גלויב עס אויף דיר ניט,
אז דוא זאָלסט מאַבען אזא געוואַגטען שריט!
מיט דעם, מיינסטו, צו פערלעשען דעם פלאַם וואס ברענט ארום דיר,
אָה! וועסט איהם נאָך שטאַרקער צופלאַקערן, גלויב־זשע מיר!
אָט דאס הייסט בייא דיר שלום? דאס הייסט בייא דיר מיט גוטען?
געדענק דעם אלטענס רייד, איך זאָג דיר זאָלסט דיך היטען!
מיט דעם וועסטו צו רויב־פויגעל מאַבען דיא רוהיגע טויבען,
אז דיא יודען וועלען הערען, אז דוא ווילסט נאָך זייערע קינדער רויבען,
וועסטו מיט דעם זייער האַס שרעקליך צו רייצען...
דוא אליין וועסט דיר דאס פייער אונטערהייצען...
דאס קינד וועט דיר ניט העלפען, דיין שטיצע איז שוואַך!
דוא שיק בעסער צום קייזער, ער זאָל דיר אונטערשיקען חיל א סך,
חארום ענטגעגען אזא גרויסער מאַכט, וועסטו זיך ניט קענען וועהרען...
דוא האסט דאָ ווענינג חיל, גאָט ווייסט וואס עס קען ווערען —
רופוס. (בעז), איך שטעה ניט אין דיינע עצות, אהיים זאָלסטו געהען!
נישט קשה, איך וועל קענען אָהן דיר מיין שטעדטעל בעשטעהן! —

(אלעזר וויל איהם עטוואס זאָגען.)

אוועק, זאָג איך דיר פון מיר, איידער מיין צאָרן האט זיך צוגאָסען!
איך האב געזאָגט, אזוי מוז עס בלייבען, אזוי האב איך בעשלאָסען! —
אלעזר מיט דינה. צעזאר! אָה, צעזאר!
רופוס. אוועק! זאָגט מען אייך מיט גוטען!
אלעזר. אָה, צעזאר, איך בעט דיך, גאָט זאָל דיך היטען! —

(פאַלט אויף דיא קניע).

bk

זעה דעם עפּוד, וואס איך גיב דיר אָפּ, נאָט זאָל דיך בענשען,
דאס ערשטע מאל אויף זיין לעבען, קניעט דער אלטער פאר א מענשען...
ניין, מיין איינציג קינד מוזטו מיר אָפּגעבען,
האב רחמנות אויף אונזער, און אויף ד י י ן לעבען! —

(ער גיט זיך פלוצים א הייב אויף און זאָגט מיט איין ערנסטע מיענע).

יא! אויף „ד י י ן" לעבען זאָג איך, זאָלסטו האבען רחמנות!
ווייל דוא וועסט דעם ווילדען טיגער, מיט דעם אויפרייצען מיט סכנות,
דאס איז בר־כוכבא'ס כלה, און אז ער וועט דערהערען,
וועט ער נאך מעהר אין דער רציחה ווערען! —
אָה! דענסמאָלט וועל איך שוין אויך ניט קענען דיר פאר'ן שלום שטעהן,
ער וועט א תל מאכען פון דיר, וועסט ניט קענען בעשטעהן!

ר ו פ ו ס. (צום מיליטער מיט א געשרייא) ווארפט ארויס דעם אלטען! נו, וואס
שטעהט איהר?
און דיא טאָכטער זאָלט איהר פערשליסען אין א צימער בייא מיר!

א ל ע ז ר. (פאלט אויף דיא קניע און זינגט) אוי האב רחמנות אויף מיינע אלטע יאָהר,
נעהם ניט אויף דיר קיין זינד!
רויב ניט דיא קרוין פון מיינע גראָע האָר. (ביסס)
גיב מיר צוריק מיין קינד!

(ביסס)
ניבער קען איך דיר מיין נשמה אוועק געבען
נעהם זיא דיר באלד דאָ צו;
אבי לאָז דיא יונגע נאך לעבען
צו שטארבען איז איהר נאך צו פריה!

ד י נ ה. (פאלט אויך אויף דיא קניע און זינגט): איך בעט דיך, וויא יונג איך בין
איך בעט דיך זעהר דאס ניט טהון!
וואס האבען מיר דעןביידע געזינדיגט פאר דיר?
וואס האסטו אומזיסט געבעך צו'ן —איהם און צו מיר,
פאר וואס זאָלסטו אומברענגען א פאָטער מיט א קינד?
אוי! — איז דאס דען ניט א גרויסע זינד! —

ר ו פ ו ס. ניין מיין קינד, דאָ וועט ניט העלפען קיין געוויין,
איך האב איינמאל געזאָגט, און אזוי מוז געשעהען!

אלעזר. זייא ניט אזוי אין כעס אויף אונז,
מיט טראָגט ניט אזוי דיין האס אויף אונז, (ביסם)

דינה. וואס זיינען מיר דען שולדיג אין דעם
לאָז אונז אָפּ נעשווינד, לאָז אונז אָפּ אהיים. (ביסם)

קאָהר. געה! דוא, נעהם זיא! געה דוא צו געה!
קום מיט מיר, איך געה פריהער, זעה!

בעפעהל דוא העררשער, וואס צו טהון?
זיא צו שלעפּען, זאָג וואוהין? —

רופוס. איך האב איינמאל געזאָגט, וועל איך האלטען וואָרט,
הע! דיענער! פיהרט ארויס דעם אלטען דאָרט!

(סאָלדאַטען ווילען איהם נעהמען, **דינה** חאַפּט איהם ווידער אַרום, און לאָזט איהם ניט נעהמען און גיט א געשרייא „ביין" שטעלט זיך ווידער פאַר רופוס'ן).

דינה. באַרעבענט אייך נאָר, באַרעבענט אצינד,
וואס איהר טהוט, איז דאס ניט א זינד?

(סאָלדאַטען ווילען זיא אָפּרייסען פונ'ם אַלטען — זיא לאָזט זיך ניט, ווארפט זייא אָפּ און ראַנגעלט זיך מיט זייא).

ביין! ביין, ביין, איך לאָז ניט!
נעהמט אייך פאַר איהם מיין לעבען —
ביין! ביין, ביין, איך לאָז ניט!
מיין פאטער מוזט איהר מיר אָפּגעבען,
אָפּגעבען מוזט איהר מיר איהם שנעל!
געוואלד, וואס האט איהר צו איהם! (ביסם)
טיים אונז בעסער געשווינד,
איידער צו שיידען אצינד —
ביין! ביין, ביין, איך לאָז ניט! (4 מאל)
נעהמט אייך אונזער לעבען,
איהר ווילדע וועלף און לעווען!
איך לאָז ניט (4 מאל) ביין.

(סאָלדאטען בעהמען אָן דעם אַלטען, אנדערע בעהמען אָן דינה'ן, זיא רייסט זיך צום פאטער, שרייט מיט א ווילד קול. ענדליך פיהרט מען זיא אוועק — איהם בעזונדער— זיא בעזונדער. רופוס און אלע איבעריגע געהען ארויס נאך זייא.)

פיערטע סצענע.

(פון דער לינקער זייט קומט אַן פ א פ ו ס, גלייך וויא ער גנב'ט זיך אריין -- קוקט אין דער זייט אריין, וואוהין מען האט ד י נ ה'ן אַוועק געפיהרט, צולאַכט זיך מיט א ווילד געלעכטער).

פ א פ ו ס. (מיט פרייד) הא, דיא נקמה! איז מיין נשמה, מיין לעבען, מיין נחמה!
אָה, דינה, דינה! אַט האסטו דיר, דוא שעהנס!
איך האב דיך ג ו ט שוין פערזאָרגט? דאס איז נומער איינס! —
דיין טאַטע וועט אויך באלד בלייבען א „זכרונו לברכה"
מיט איהם אָפּצועקען, איז גאר קיין מלאכה! — —
נו? און דוא שטאָלצער רוימער מיט דער מעשענער כובע?!
חא, חא, חא! ער מיינט אין אמת'ן, אז איך מיין נאָר זיין טובה?
ער מיינט אין אמת'ן, אז ער איז נאָר איינער....
אוי וועט איהם שמעון בר־כוכבא ברעכען דיא ביינער!
מיט א י י ן בלאָז מאכט ער פון איהם אש,
רופוס'עס קאָפּ ליעגט שוין וויא בייא בר־כוכבא'ן אין טאש;
וויל איך האב איהם שוין מודיע געווען אויף דער הייסער שעה,
אז זיין כלה איז פערשפּארט אין א פעסטונג דאָ — —
דערנאָך וועט קומען דער שוחט, און וועט קוילען דאס קעציניאָ;
שמעוניאָ בר־כוכבא'ניאָ. חד גדיאָ! חד גדיאָ! —

(ער זינגט).

פאפּוס הייס איך!
אַלעס וויים איך,
איבעראַל שטעק איך אריין דיא נאָז —
א יאַוועלען הענדער,
אויך א טענדלער,
אבי צו פערדיענען דאס ביסעלע מעות.
בריליאַנטען־שטיינער,
העלפאַנט־ביינער —
חד גדיא!
פערל א שניר,
אַלעס בייא מיר —

חד גדיא!

איך דינג מיך ניט אראָב, **ארויף —**

חד גדיא!

און דער קונה האט א שווארצען **סוף;**

חד גדיא!

II.

דינה דיא שעהנע,

מה זיין מיינע,

עס וועט ניט העלפען אפילו קיין **טאָטער —**

ווער עס וועט ניט ווען,

איהם ניט געפעלען;

ווער איך איהם הערען **וויא דעם קאָטער.**

מיט דעם איינעם אויג,

וואס מיר טויג —

חד גדיא!

מיט דער קרומען פוס,

צוקער זים —

חד גדיא!

קיינער וועט מיט מיר ניט **קאָנקורירען....**

חד גדיא!

און איך וועל דאָך מיינ׳ס **אויספיהרען.**

חד גדיא!

III.

„בר־כוכבא“ דעם **העלד!**

אויף יענער וועלט

וועל איך בעזאָרגען א שעהנע **דירה —**

אלעזר דעם אלטען,

וועל איך בעהאלטען **—**

איך וועל זייא מאכען **דיא פּגירה.**

אויף דעם צעזאר,

וואס איז א בייזער **—**

חד גדיא!

וועל איך א „שטיקעל“ אויפשפיעלען;
ער וועט האבען צו פיהלען —
חד גדיא!
דאן וועל איך זיין אויף פסח א מלך!
חד גדיא!
און איך וועל מיר זינגען גאנץ פרעהליך —
חד גדיא!

(ער דערהערט וויא מען קומט אָן — חאַפּט ער זיך צוריק קיינער זאָל איהם ניט מערקען).

פינפטע סצענע.

(אלע קומען אריין צוריק — רופוס זעצט זיך צוריק אויף דעם טראָהן. סאָלדאַטען שטעלען זיך אויך צוריק אויף זייער אָרט ענטקעגען רופוס'ן — רופוס שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנד און פערטראַכט זיך — פון לינקס קומט אָן א מיליטעריסט, געהט צו גלייך צו רופוס'ן און זאָגט):

מיליטעריסט. דער יודישער העלד בר־כוכבא פרעגט זיך אהער!

(רופוס הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אויפ'ן מיליטעריסט, בלייבט זיצען איינינע מינוטען פערווירט — נאכדעם זאָגט ער צו איהם):

רופוס. לאָז איהם אריין, נאָר טהוא איהם אויס זיין געוועהר!

(מיליטעריסט נייגט זיך און געהט אוועק לינקס).

זעקסטע סצענע.

(בר־כוכבא לויפט שטאָלץ אריין און קוקט בייז אויף רופוסן.)

רופוס. וואס פאר א זאַך האט דיך אהער געבראַכט,
פון אלע יודען דיא גרויסע מאַכט? —

בר־כוכבא. צו פאָדערן ר׳ אלעזר׳ס טאָכטער בין איך געקומען,
וואס דוא האסט זיא מיט געוואַלד געפאַנגען גענומען.

רופוס. וואס פאר א רעכט האסטו צו ווייזען אויף איהר,
מעהר פון איהר פאטער, זיא צו פאָדערן בייא מיר?

ב ר־כ ו כ ב א. דוא רויבסט אוועק אָהן יושר א קינד,
און מיך פרעגסטו נאָך אויף רעכט אצינד ?
ס'איז קיין וואונדער, וואס דיינע מענשען בעהאנדלען אונז אזוי שלעכט,
ווען דער הערשער א ל י י ן ווייסט ניט פון קיין רעכט ! —

ר ו פ ו ס. אויב דוא ביסט געקומען מיר פאָרשרייבען געזעטצע,
האב איך דערצו איין א נ ד ע ר ע צייט און אנדערע פּלעטצע ;
יעצט זאָג ! וואס דוא ווילסט, אויב איך דאַרפ'ס וויסען ;
ווייל פיעל צייט האב איך ניט מיט דיר צו שמיעסען —

ב ר־כ ו כ ב א. גיב אָפּ דאס קינד דיא יודען, דאס פאָרדערן אלע,
און איך א ל י י ן פאָרדער בייא דיר מיין געליעבטע כלה !
גיב זיא אָפּ, אויב דוא ווילסט מיט'ן וועג דעם גערעכטען,
ועסטו זיא ניט געבען מיט גוטען, וועסטו זיא געבען מיט שלעכטען,

ר ו פ ו ס. הא, הא ! איך האב גאר פערגעסען, מיט ועמען איך רעד דאָ, מיך ליעבער?!

(שפעטיש) דוא ביזט דאָך היינט בייא דיא יודען דער שמשון הגבור !....
אויב אזוי, א נו בעוויז נאָר דיין גבורה אצינד ?
בעפרייא פון מיינע הענד דאס יודישע קינד ?! —

ב ר־כ ו כ ב א. ווילסט וויסען ווער פון אונז איז א גרעסערער העלד ?
איז ניט דאָ דאס פּלאטץ — קום מיט מיר אויף דעם אָפענעם שלאכט־פעלד ! —

ר ו פ ו ס. (פּייז) שטיל דוא געמיינער עברי ! צופיעל כבוד פאר דיר !
מיינער א דיענער זאָל זיך שלאָגען מיט מיר !
ווייסטו דען ניט, אז איך קען דיך דאָ באלד טייטען ?
סאָלדאטען ! שליעסט איהם אין שווערע קייטען ! —

(סאָלדאטען שליעסען איהם אין קייטען דיא הענד.)

ב ר־כ ו כ ב א. שעהן ! — נאָר נאָך מיין טויט זאָל מען וויסען איבעראַל,
אז א רוימישער העלד קען נאָר זיעגען אין אזא פאַל,
ווען זיין געגנער האט ניט קיין שטיקעל געוועהר,
פע ! דאס זיינען קיינע קייטען, זייא זיינען ניט שווער !

(ער צונעהמט האסטיג דיא הענד, עס רייסען זיך איבער דיא קייטען, גיט זייא א ווארף אויף דער ערד, אלע בלייבען שטעהן פערוואונדערט און וויא ערשראָקען).

רופוס. טרעט צו שנעל, סאָלדאט! וואס שטעהסטו פערד?
האק איהם אָפּ שנעל זיין קאָפּ מיט דער שווערד!

(סאָלדאט טרעט צו צו'ן איהם, חאפּט ארויס דיא שווערד און הייבט זיא אויף איבער זיין קאָפּ).

בר־כוכבא. (חאפּט ארויס דיא שווערד) שטעה, דוא נארישער העלד, דוא שוואכע אשה!
פע! צו רעדען מיט דיר איז מיר גאר א בושה.

(ער ברעכט איבער דיא שווערד און ווארפט עס אוועק — אלע טרעטען אָפּ מיט שרעק).

רופוס. פיהרט איהם אריין אין דער ארענע צו ווילדע טהיערע,
און לאָז ער דאָרט בעווייזען זיין גבורה!

(אלע ווילען איהם ארום רינגלען).

בר־כוכבא. (טהוט א געשרייא און א טופּ מיט'ן פוס) שטעהט.

(אין דעם מאָמענט טהוט א זעטץ ארויס פון זיין קאסקע א פלאַם פייער — אלע טרעטען ערשראָקען צוריק):

בר־כוכבא. (זינגט) מיר העלדען זיינען דאָך ניט מרה־שחורה'דיג,
צום קריעג דער שופר נאָר רופט!

קאָהר! הערט איין עזות דאָרט!

בר־כוכבא. אָנגעשארפט זיינען דיא שפּיעזען נאר מורח'דיג,
געטונקט דיא פיילען אין גיפט!...

קאָהר. הערט נאָר אוים!

בר־כוכבא. מיר שטעכען, מיר ברעכען, מיר שניידען נאָר זיענעריש,
מיר רייסען, מיר בייסען, מיר וויטהען נאָר טיגעריש,
מיר נייטען, מיר קנייטען, מיר טייטען נאָר קריענעריש.
דיא שונאים, דיא שונאים, אזוי;
זייא פאלען, זייא פאלען וויא שטרוי! —

(אין דער גאנצער צייט שרייט דאס קאָהר „שטיל!")

בר־כוכבא. חא, חא, חא, ס'איז א נארישקייט —

קאָהר. זעהט וויא ער מאַכט זיך גרויס!

בר־כוכבא. חאַ, חאַ, חאַ, ס'איז א נאַרישקייט —

קאָהר. זעהט וויא ער לאַכט זיך אויס!

בר־כוכבא. דער פיינד, דער איז געביינט צו דער ערד,
אונז האט ניט געשאַרט,
ווייל דיא אמונה איז אונזער שווערד,
און אונזער מאַכט איז גאָט! — — (ער לויפט ארויס)

קאָהר. פאַלען זאָל ער פון אונזער שווערד,
ער הערט ניט דיין געבאָט! (קאָהר לויפט איהם נאך)

פערוואַנדלונג.

זיבעטע סצענע. זיבעטעס בילד.

(שטעלט פאָר דעם אַמפהיטהעאַטער פון איינער אַרענע — פוןביידע זייטען רינגס, זיטצען פרויען און דאַמען, אויך איין אָרקעסטער, איין רייהע איבער דער אנדערער — אין דער מיט אין דער הויך, זעהט מען א לאָזשע מיט א רויטען באַלדאַחין, אין דער לאָזשע זיטצט טורנוס רופוס מיט סעראַפהינא. הינטער דער לאָזשע זעהט מען א צוגעשלאָסענעם אייזערנעם טויער — פון איין עק ביהנע צו דער אנדערער, איז איבערגעצויגען שטאַחעטען פון אייזערנע פיילען געמאַכט, פון ביידע זייטען שטעהן צוויא גלאַדיאַטאָרס — ווען דער פאָרהאַנג געהט אויף, שפּיעלט פון אויבען דיא מיליטער־מוזיק, רופוס גיט א בעפעהל צו'ן א גלאַדיאַטאָר).

רופוס. פיהרט אריין דעם יודישען העלד בר־כוכבא! —

(גלאַדיאַטאָר געהט ארויס, און קומט באלד צוריק מיט בר־כוכבא'ן).

קאָהר. קוקט נאָר אָן, קוקט נאָר אָן!

רופוס. (צום צווייטען גלאַדיאַטאָר) לאָזט אריין דעם אַפריקאַנישען לעווען! —

(גלאַדיאַטאָר געהט ארויס, מען הערט קלינגען שווערע קייטען, און דיא ברילענדע שטימע פון א לעווע, ער שפּרינגט צו צו בר־כוכבא'ן).

בר־כוכבא. (טהוט א געשרייא צום לעווען) שטעה!

(דער לעווע בייגט זיך אויף דיא קניע — בר־כוכבא גלעט איהם ביים קאָפּ).

קאָהר. קוקט נאָר אָן, קוקט נאָר אָן!

בר־כוכבא. (שמאלץ) אָה, איהר נאראָנים! זעהט איהר אליין ניט,
אז פאר אייך שטעהט א גבור! —
איז דאס א מיטעל מיך צו בעזיעגען?
שוואך זיינט איהר אלע מיך יעצט צו קריעגען —
יא, שעהם זיך דאך און בייג דיין שטאָלץ,
חאָטש אָהן געוועהר שטעה איך פאר דיר,
און דאך האב איך פאר דיר קיין מורא, ניין! ניין! ניין! —

קאָהר. קוקט נאר אָן, קוקט נאר אָן!

בר־כוכבא. קום נאָר גבור אויף דעם שלאכט־פעלד,
וועל איך דיר ווייזען, דאָרט וועסטו זעהען,
יא, וויא דיין העער וועט פאלען אזוי וויא שטרוי! —

רופוס. (לאַכט מיט גדלות).

קאָהר. זעהט איין עזות נאָר!

בר־כוכבא. וועסט שפעטער לאכען, צו נאָט זיך גלייכען,
גרוים זיך מאכען, אין אלע פאכען;
אָבער וואס וועט זיין דאן?
אזוי וויא איין מאָן,
מיר אלע שנעל,
וועלען זיך טהון א שטעל,
און מאכען פון דיר א תל! —

(אין דעם מאָמענט חאפט זיך ארויף בר־כוכבא אויף דעם לעווען רייטענדיג זעטצט אוים דעם אייזערנעם טויער, וואס אונטער דער לאָזשע און לויפט ארוים, דער טויער דרעהט זיך אום, עס ערשיינט איין ענגעל מיט א פייערדיגען שווערד אין דער האנד. — פאָרהאָנג פאלט).

דריטער אקט.

ערשטע סצענע.

אַכטעס בילד.

(שטעלט פאָר א פינסטער חדר, (איין ארט קעלער אָדער קערקער) אין דער מיט א ברייטע קאָלאָנע, אין דער טיעף קאָלאָנע זעהט מען א בעטעל שטעהן, נעבען דער קאָלאָנע שטעהט א שווערע האנד־מיהל — ד י נ ה איינפאַך נעקליידעט, שטעהט נעבען דעם, און וועהרענד דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, זעהט מען וויא זיא האַלט דאס הענטעל פון דער זשאָרנע און דרעהט דיא מיהל. ענדליך הערט זיא אויף צו דרעהען און לאָזט אראָפּ דיא הענד מיט'ן קאָפּ זיפצענד, וויא איינע וואס איז שטארק פערמוטשעט פון דער ארבייט — געהט נעהנטער צו דער אוואנס־סצענע צו, און זינגט שוואך).

1.

ד י נ ה. זאָ לאַנג דיא זאַנג איז אינגער,
און דער קאָרן — מאָגער, גרינגער,
זאָ לאַנד דיא זאַנג איז אינגער
קוקט מען זיך ניט צו! —
אין פעלד קען זיא פערבלייבען,
דאָס ראָד קען זיא ניט צו רייבען,
אין פעלד קען זיא פערבלייבען!
לאָזט מען נאר איהם צו רוה.
ווערט נאָר דער קאָרן דיקער,
טהוט זיך דאס ראָד א קעהר!
ער ווערט צוריבען אויף שטיקער,
מען דערקענט איהם שוין ניט מעהר!

(זיא קוקט זיך ארום מיט מורא, לויפט צו צום מילכען, חאַפּט גיך דאס הענטעל און מאָהלט).

שלאָף ניט דוא ארבייטער, האַלט פעסט דאס שטיהלכען!
פלייסיג צו ארבייטען איז דאָך א שפּיעלכען;
דרעה זיך גוט, דרעה זיך גוט, רעדעלע מיהלכען!
צו רייב גוט דעם קאָרן — צו טהייל! —
נישטאָ שוין קיין זאַנגען — צוריבען איז דער קאָרן,
דיא ערשטע געשטאַלט האט ער שוין לאַנג פערלאָרען! —
אונטער דער ראָד איז ער צוריבען געוואָרען,
ער איז שוין נאר וויים — און הייסט מעהל! —

(לאָזט ווידער אָפּ דאס ראָד, געהט צו צו דער אוואנס־סצענע).

2.

זאָ לאַנג דער מענש איז מאָגער,
לעבט סאָליד, איז ניט קיין יאָגער,
זאָ לאַנג דער מענש איז מאָגער,
לעבט ער זיך סייא וויא;
דיא נויטה קען איהם נאר ניט לייגען,
וויל ער איז ווייך און לאָזט זיך בייגען;

דיא נויטה קען איהם נאר ניט לייגען,
לאָזט זיא איהם נאר צו רוה!
קוים ווערט ער איבער גליקליך...
טהוט איהם דאס ראָד א קעהר!
זיא צוברעכט איהם נאר אויף שטיקליך
מען דערקענט איהם שוין ניט מעהר!...

(לויפט ווידער צו דער זשארנע און מאָהלט).

שלאָף ניט דוא ארבייטער.... א. ז. וו.

(לאָזט ווידער אָפּ דאס ראָד).

3.

זאָ לאַנג דער יוד האט ניט געפלאַקערט,
שאָף געפּאַסעט, ערד געאַקערט,
זאָ לאַנג דער יוד האט ניט געפלאַקערט
האט מען איהם געלאָזט צו רוה;
שטיל געלעבט, ניט הויך געפלויגען,
ניט אויפגעריסען יענעם דיא אויגען!...

שטיל געלעבט, ניט הויך געפלויגען,
האט מען ניט געזאָגט דערצו,
אז ער איז געוואָרען איבער גליקליך,
האט זיך דיא ראָד געטהון א קעהר,
צוריבען איז ער אויף שטיקליך!...
מען דערקענט איהם שוין ניט מעהר.

שלאָף ניט דוא ארבייטער.... א. ז. וו.

(וועהרענד זיא זינגט אָפּ, הערט זיא אויף צו דרעהען, רוהט זיך אָפּ איינינע סעקונדען — א טיעפער זיפץ רייסט זיך ארויס פון איהר ברוסט. ענדליך זאגט זיא שוואַך):

מיט שווערע ארבייט מיינען זייא מיך צו פערמוטשען,
מען רייצט אָן אַלע בעדיענטע, מען זאָל מיר דערקוטשען,
גיב מיר, גאָט, כח, דאס אַלסדינג קענען איבערטראָגען!
איך נעהם צו אלסדינג: מאַרטערן, קוועהלען, שלאָגען,
שלאָג מיך פאר מיין פּאַקק, נאָר איהם לאָז צו רוה!...
דיין שווערע האנד, דיין שטראָף נעהם שוין פון איהם צו! —
לאָז בר־כוכבא גליקען, וויא עס גליקט איהם ביז יעצט,
לאָז ער זיעגען, זיעגען דעם שונא ביז צו לעטצט! —
מיך קימערט נאָר איינס — פון מיין אלטען טאַטען....
איך האב מורא, מיין לאַנגע זאָל איהם ניט שאַטען — —

װער װייסט, װאס ער טהוט דאָרט אין דער מינוט,
װאס ער זעהט זיין איינציגע טאָכטער ניט (װיינט)

צװייטע סצענע.

(עס עפענט זיך אויף א טהיר און עס לויפען אריין װעשער־מיידליך מיט האַנטיכער אין דיא הענד, און װיא זייא דערזעהען, אז זיא ארבייט ניט, לויפען זייא צו צו'ן איהר מיט כעס. דינה האַפט זיך אויף מיט שרעק און לויפט אָפּ פון זייא).

מיידליך. (זינגען) קוקט דיא לענטייקא,
װיל רוהען דייקא,
אבי ניט צו ארבייטען, װאס מען האט בעפוילען;
זיא האט פּערנעסען,
זיא מיינט זיא איז פּרינצעססין!
מיר װעלען איהר װייזען װאס הייסט זיך פוילען;
קומט אלע שװועסטערליך, ניך האַפּט זיא, יאָגט זיא,
דערטאַפּט זיא, שלאָגט זיא, (לויפען איהר נאָך)
נא! נא! נא! (שלאָגען זיא)

דינה. (מיט װעהמוטה) אוי! שלאָגט מיך ניט, װעה! פּלאָגט מיך ניט;
ארבייט איך ניט פלייסיג פון נאכט ביז פריה?
נייט מיך ניט, טייט מיך ניט!
אוי, ארבייטען װעל איך, נאָר לאָזט מיך צו רוה! —

מיידליך. קוקט דיא לענטייקא, א. ז. װ.

דינה. אוי! שלאָגט מיך ניט, װעה! פּלאָגט מיך ניט,
האט איהר אויך דען ניט אין זיך א מענשליך הערץ,
צאַפּט מיר ניט אָפּ מיין בלוט,
אוי! א מעהר דער'הרג'עט מיך נאָר גיך און קורץ! —

מיידליך. קוקט דיא לענטייקא, א. ז. װ.

דינה. ניין, קינדער, טהוט עס ניט, איהר זייט אויך נאָר געבאָרענע װייבער!
איהר קענט ניט האבען דאס הערץ פון מערדער און רויבער...

איך ווייס גוט, אז איהר טהוט עס ניט מיט אייער אייגענעם ווילען,
איהר מוזט נאָר דעם קאַפּריז פון אייער בייזערווירטהין ערפילען,
איז זיא דען צו'ן אייך בעסער וויא צו מיר?
איך ווייס, איהר האט א בעסער הארץ פון איהר,
איך ווייס, אז א טהייל פון אייך פיהלען מיינע שמערצען!
איך ווייס, אז א טהייל פון אייך ליעבען מיך אין הערצען —
מיר זיינען פון פערשיעדענע רעליגיאָנען, נאָר פון א י י ן טאַטען,
דאס קען אייך צו'ן אייער מענשליכקייט גאר ניט שאַטען!....
א כ ט ו נ ג געבען אויף מיר, ד א ר ו י ף האט מען אייך בעדונגען,
דאַרפט איהר הערען מיין וויינען, הערט בעסער מיין זינגען,
עס וועט אייך פערגעניגען מאַכען, און מיר קיינע ליידען,
דיא זעלבע צייט קענען מיר ליעבער צוברייינגען אין פריידען. —

א מיידעל. מוזט אונז פערצייהען דיא קלוגע טאָכטער פון יודען!
עס איז וואהר, מיר זיינען אליין פון אונזער שכיחות ניט צופריעדען,
מיר ווע‍לען דיך צו רוה לאָזען, דיך מעהר ניט צווינגען,
אונטערהאלט אונז, ליעבעס קינד, מיט דיין יודיש זינגען!

ד י נ ה. איהר וועט מיר געוויס אַקאָמפּאַניר'ען צו מיין טאָן —
איך זינג אייך פאָר דיא פאַבעל פון דער יודישער נאַציאָן!
(זיא נעהמט איין הארפע, שפּיעלט זיך צו און וויינט):

1.

א פאַסטוך'ל איז געווען אמאל
אין דעם לאַנד כנען! —
מיט שאָף און רינדער נאָר אָהן א צאָהל
פלעגט זיין האנדעל זיין! —
און אז ער איז רייך געוואָרען,
האט ער געהאנדעלט קאָרן,
און האט זיין געלד פערלאָרען,
ס'איז איהם געגאַנגען שלעכט;
אבי ניט ברויט צו בעטען,
פלעגט ער ציגעל קנעטען,
געמויערט הייזער און קלייטען,
געארבייט פאר א קנעכט! —

מ י י ד ל י ך. יא, אוי ס'איז שעהן,
יא, מלא חן,
דערצעהל און הער ניט אויף —
אוי ס'איז זיס!
יא, נאָר ניט מיאוס,
דערצעהל אונז ביז אין סוף! —

2.

ר׳ משה נעחט דורך אומגעריכט
אוּן האט איהם באלד דערקענט!
„יענקעלע“ „דאס ביסטו? א קנעכט“
ברעכט ער מיט דיא הענד!
האבען אזא טאטען,
דער רייכסטער פון מאנגאטען,
און זיין אזוי פון וויטען,
זאָלסט נאר סנעטען ליים? —
דיין טאטענס לענדער פליעסען,
פון מילך — האָניג זיסען,
און דוא זאָלסט ניט געניסען?
אָה, קום צו׳ן איהם אהיים! —

מיידליך. יא, אוי ס׳איז שעהן... א. ז. וו.

3.

א סימן, אז דוא מענסט גלויבען מיר:
דיא 10 ווערטער לייען!
וואס דיין טאטע שרייבט צו דיר
מיט זיין האנד אליין!...
דיא ווערטער זאָלסטו גלויבען,
אין הארצען זייא פארקלייבען,
כדי זאָלסט קענען לעבען,
אין דער גרויסער וועלט! —
און מיט א פייערדיגען וואָגען,
איבער וויסטע ימים געיאָגען,
האט ער איהם געבראכט צוטראָגען,
אין זיין טאטענס געצעלט! —

מיידליך. יא, אוי ס׳איז שעהן... א. ז. וו.!

4.

אז א פאסטוכעל א יאָלד,
הויבט אָהן צו געהן ניט שלעכט,
האט ער זיך פערגעסען באלד,
אז ער איז געוועז א קנעכט:
כהנים קוילען לעמער,
וויין גיסט מען מיט עמער,
און לוים מיט כלי זמר,
טאנצען ארום איהם;
רייך איז מען — א מלך!
לעבען לעבט מען — פרעהליך!
האט ער פארגעסען פאמעליך,
זיין טאטען אלהים! —

מיידליך. יא, אוי ס׳איז שעהן... א. ז. וו.

5.

א ראָ האט זיך זיין טאטע שטארק
צו היטצט,
פון כעס צו האַט דיא ווענט! —
איהם פון זיין שטאָט ארויס געשמיצט,
און זיין הויז פערברענט! —
א י ה ם ארויס געטריבען,
פ ר ע מ ד ע זיינען פערבליבען,
און האט זייא פאַרגעשריבען,

איהם פערפאַלגען נאר אהן צאהל—
דערפאר זעהט מען איהם היינט יאָגען,
צו זיין טאטען וויינען און קלאַגען,
ער זאָל איהם שוין מעהר ניט שלאַגען,
איהם שיינקען נאך היינטיגס מאל! —

מיידליך. יא, אוי ס'איז שעהן... א. ז. וו.

א מיידעל. מיר דאנקען דיר ליעבעס קינד, מיר וועלען דיך מעהר ניט בעמיהען,
ביסט נעבעך זעהר מיעד, מעגסט דיך לייגען אפּרוהען.

(געהען אלע אַוועק רעכטס. **דינה** קוקט זייא נאך ביז זייא געהען אָב.)

דינה. מיעד בין איך ווירקליך, מיעד און פערשמאכט,
איך רוה שוין ניט אזוי דיא דריטע נאכט —
ווער וועט זאָגען דיא בשורה, ווען וועט קומען דיא ישועה?"
(פויזע) אוי! פון מיין פאטער האב איך נאר קיין ידיעה..
נאָט! וואס האסטו איהם נעבעך צו שטראָפען? (פויזע)
צו דענקען בין איך מיעד, מיך דולט דאס שלאָפען..
דער שלאָף וועט מיך אביסעל קרעפטיגען — בעלעבען,
צום דענקען בעסער, מיר פרישע כוחות נעבען.

(זעטצט זיך אויפ'ן בעטעל, זינגט גאנץ טרויעריג.)

דוא זיסער מלאך פונ'ם שלאָף,
וויעג מיך מיט דיין ליעדעלע איין!
פערגעסען זאָל איך אן דער שטראָף,
פערגעסען — אין מיין נויטה און פיין;
מיט דיינע פליענעלעך טרייב אוועק,
מיינע צרות און שרעק —

אדני לי!
מיט מיר ביסטו;
שענק מיר דיין רוה!
מיין נשמה נעהם צו,
ביז אין דער פריה!
גאָר דירזאי טרויע דיא! —

דוא גרויסער ווערטער דארט אין הימעל!
.דיין טרייא אויג איז דאך שטענדיג וואַך,
ווען איך שלאָף, און ווען איך דרימעל;
היט מיך מיט דיינע קינדער גלייך!
מיין נשמה איז דאך פון דיר,
איבער נאכט נעהם זיא בייא מיר!....

אדני לי!
מיט מיר ביסטו;
שענק מיר דיין רוח!
מיין נשמה נעהם צו,
ביז אין דער פריה!
נאָר דיר טרויע איך זיא! —

(זיא לייגט זיך אוועק בעטעל און זינגט אלע מאל שטילער, ביז זיא ענדיגט דאס געזאַנג— זיא ווערט ענטשלאָפען, מוזיק שפיעלט פאָרוועקס גאנץ פיאַנא).

דריטע סצענע.

(פון אונטער דער קוליסע הערט זיך פ א פ ו ס׳ס קול וויא ער זינגט).

פ א פ ו ס. וואס ווינשטטו מיין הערץ נאך מעהר?
וואס ביסטו אזוי בעטריעבט?
ליעבען, ליעבסטו דאך זעהר,
נאָר — דוא ווערסט ניט געליעבט!
מיין וועהטאג קען נאָר ד ע ר פערשטעהן,
וואס איהם איז אויך אזוינס געשעהען,
וואס איז אויך אזוי בעטריעבט,
און ווערט אויך ניט געליעבט. —

(קומט אריין פון דעם טהיר׳ל רעכטס, קוקט זיך ארום און אז ער זעהט, אז עס איז קיינער ניט דא, זאגט ער):

פ א פ ו ס. איך האב איבער געקויפט דיא וואך דא,
אצינד, דאכט מיר וועט שוין זיין אין א גוטער שעה!
רופוס מיט דיא העלדען טרינקען וויא דיא רוחות,
צו מיך האט ער געשיקט אין דעם טהייערן שליחות:

איך זאָל געהען פון זיינעטוועגען, איבעררעדען מיט איהר....
א מכה, רויטער שכור, איך בין בילכער פון דיר! —

(ער געהט צו צום בעטעל און דערזעהט זיא שלאָפענדיג.)

זיא שלאָפט? — גוט! — ווען נאָך קען איך בענוטצען אזא צייט
איך זאָל מיך אָנקוקען, אָנקוקען אין איהר אזוי זאט! — —
וויא דיא דריבנע חוואַלעס פארמאָג אויף דעם רוהיגען ים,
ביי א שטיל ווינטעלע הוידען זייא זיך קוים, קוים,
נעגען דעם רויטליכען הימעל, איידער דיא זונן געהט אויף;
אזוי בעוועגט זיך איהר ברוסט אראָפּ און ארויף,
נעגען איהרע רויטע בעקעלעך — און געה האלט עס אויס! —
אין שלאָף זעהט זיך איהר שעהנקייט נאָך צעהן מאָל מעהר ארויס..
קום אהער, פריהלינג! מיט דיינע רויזען דיא ריינע!
טונק זייא איין אין דער פארב פון איהר מיילעכען דאס שעהנע,
וועלען דיינע בלומען נאָך פיעל מעהר שמעקען און בליהען!...
יא, און דוא פאפוס, האסט אויך יעצט צייט דאס איינענע צו טהון;
חאַטש איין מאָל איינאטהמען אין זיך איהר זיסען הויך — ...
ניין — אויסהאַלטען, איז ניט פאַר מיין כח!

(ער בייגט זיך איין און וויל איהר א קוש טהון. זיא פאַנגט אָן צו טרוימען און זינגט פונ׳ם שלאָף: „אדוני לי...״)

הא, זיא זינגט? פונ׳ם שלאָף— אוי זיס! — גוט — ווער חלומ׳ט זיך איהר!
פון וועמען רעדט זיא? מן הסתם פון בר־כוכבא׳ן, אודאי ניט פון מיר —
נו? און אז ניט פון מיר? — אָבער איך!... אָ, דער מאָמענט!
אָ, דער הייסער פלאם דער ליעבע, ער פלאַקערט, ער ברענט!...
וואס־זשע בין איך שולדיג, אז איך קען אזוי שטארק ליעבען און פיהלען?
(ענטשלאָסען) וואס ס׳וועט זיין, וועט זיין, איך מוז מיך יעצט קיהלען...

(ער געהט צו און וויל איהר געבען א קוש — זיא חאַפּט זיך אויף און קוקט זיך אום פערשלאָפען, און וויא זיא דערזעהט איהם בלייבט זיא עפּעס וויא דערשראָקען— פּאַפּוס מאַכט זיך וויא ניט וויסענדיג, און זאָגט):

א גוטען אבענד דיר, דינה, האסט דיך ניט צו שרעקען! —
זייא מיר מוחל, וואס איך בין געקומען יעצט דיך וועקען;
דיין אַלטער טאַטע האט מיך געשיקט צו דיר אצינד,
צו פרעגען וואס טהוסטו? וואס מאַכט דיין געזונד? —

ד י נ ה. איך דאנק דיר פאפוס, האסט מיך מחיה געווען!
וואס מאכט דער פאטער, זוען האסטו איהם געזעהען?

פ א פ ו ס. א יא, פאפוס קען אמאל אויך זיין מחיה! —
און דוקא דיא נמאס'ע, מבוזה ווילדע חיה!...
(שטראפענד) אָ, דינה! ליעגט עס ניט אויף דיינע געוויסען?
פלעגסטו חאטש פיהלען, פלעגסטו חאטש וויסען,
וויפיעל דוא האסט מיר פערצאפט בלוט מיט דיין זידלעריא? —
וואלסט בעדארפט צאהלען שטראף, נאר איך פערציה!
יעצט זעה מיין געטריישאפט, און זידעל מיך דערפאר:
זאלסט וויסען, אז דוא ביסט יעצט אין א געפאהר!...
מען וויל דיך אומברייגגען, האב איך געהאט א ידיעה,
ראטעווען קען איך דיך, איך בין דיין מלאך מושיע! —

ד י נ ה. (מיט פעראכטונג) א מלאך מושיע? א ליעגען זאגען, האסטו יעצט געוואלט,
נאט שיקט ניט זיין גוטען מלאך אין אזא געשטאלט —...
איך וויים, אויב איך האב ניט קיין טעות,
ביסטו גיכער עהנליך אויף דעם מלאך המות!!...

פ א פ ו ס. (מיט הכנעה) איך בין דיר מוחל, וויל דוא רעדסט וויא א קינד,
און פערשטעהסט ניט דיין געפעהרליכע לאגע אצינד —
אמת — דיין חתן האט פיעל פעסמונגען איינגענומען;
נאר דיר וועט דערפון וועניג ארויס קומען;
וויל דיין לעבען, זאג איך, העננט יעצט אויף א האאר,
פון דאנען מעהר קומסטו שוין ניט ארויס, ביסט אין געפאהר!
נאר איך האב מיך בעשלאסען צו אפפערן פאר דיר,
איך וועל דיך בעפרייען, קום — ענטלויף יעצט מיט מיר! —
איך האב אלע וועכטער שוין לאנג איבער געקויפט,
זייא זאלען שווייגען, אז זייא וועלען זעהען, אז מען ענטלויפט...
קום, דינה טהייערע! דארף איך דיך נאך בעטען?
דיין איינען לעבען צו רעטען, דארף מען דיך נאך נייטען?

ד י נ ה. (מיט א בעזען שמייכעל) וויא איך הער, הייסט עס בייא דיר אז איך וועל לעבען,
אויב איך וועל דיר יעצט דיין וויכען נאכגעבען;
אויב, וויא דוא זאגסט, אז איך בין דא יא אין אזא נויט?
בין איך צופריעדענער צו שטארבען דא מיט דעם טויט,

ווייל יענער טויט, צו לויפען מיט דיר אהיים,
אָ, איז מיר נאָך פיעל שרעקליכער פון דעם!
אין דעם וועל איך וויסען, אז דוא האסט מיך גערן;
אז דוא וועסט מיך לאָזען דאָ בעסער דער׳הרג׳ט ווערען!...

פאפוס. (מיט וועהמוטה) דינה! —

דינה. (שטאָלץ) נעה!...

פאפוס. האב רחמנות אויף דיר!

דינה. וואס פאר א רעכט האסטו זיך צו דערבארעמען איבער מיר!
אויב דוא ווילסט מיך בעפרייען פונ׳ם מלאך המות געשווינד,
נעה דוא דיר נאָר אוועק, בין איך שוין בעפרייט אצינד!

(קעהרט אָב דאס געזיכט פון איהם, גלייך וויא זיא וויל זיין פנים ניט זעהען — פאפוס שטעהט אייניגע סעקונדען, און בעטראַכט זיא. אויף זיין פנים בעווייזט זיך אלע מאל מעהר האַסס. ענדליך זאגט ער צו׳ן איהר מיט ערגערניס און כעס):

פאפוס. אָ, דינה! אָ, דוא מערדערין אויף זיך אליין,
יא, ביסט גערעכט, מיך וועסטו שוין מעהר ניט זעהן!
אָבער ניט מיך, און ניט דיין חתן, ניט דיין טאטען, ניט דיא וועלט.
אָ, דינה! נענוג מכות אכזריות האב איך פאר דיר בעשטעלט!
(אָבגעהענד) אוי דיא נקמה, איז מיין נשמה, מיין לעבען, מיין נחמה!
(לויפט אָרויס בעז רעכטס).

דינה. אזוי טהוט גאָט, אז ער וויל א מענשען שטראָפען;
נאָר אָנשיקען אזא מכאָך, ווען מען וויל שלאָפען —
(זעטצט זיך אויפ׳ן בעטעל נאכדענקענד).
איך וועל שוין ניט זעהען קיינעם? — איך וועל ניט לעבען?...
נו? אז ער זאָגט, זיינע רייד מעג מען גלויבען — (פויזע)
מיין בר־כוכבא זיענט? — דאס איז א ידועה!
נו, וואס דארף איך דען פאר מיר נאָך א בעסערע ישועה?
מיין קאָפּ ווילען זייא נעהמען? — ס׳איז ווערט דער שכר!
מיין שמעון וועט ביים שונא נעהמען צעהן טויזענד דערפאַר.
(הייבט זיך אויף פון דעם בעטעל און זינגט).

1.

פון דער תפיסה דאָ, פון דיא פינסטערע ווענד,
שיק איך, בר־כוכבא, מיין ברכה דיר צו! —

מיעד זאָלען ניט זיין דיין טאַפּפּערע הענד,
ביז דוא וועסט ניט זיעגען, גיב דיר קיין רוה! —
איך הער שוין וויא... יא, וויא דיין חיל זיעגט! —
און זעה שוין וויא... יא, וויא דער שונא ליעגט! —
ווער איז ער, ווער? — יא, דיא רוימער,
שטילער, שטילער... (זיא קוקט זיך אַרוים)
נאַטוניו! נאַטוניו! בעוויז דיין נס! (פּיסס)

2.

עס קען מעגליך זיין אז ס'וועט דאָ זיין מיין סוף,
א דאס צימער דאָ, וועט מיין קבר אויך זיין...
דאָך מיינע זעעלע, וועט פליהען ארויף,
עט, עט הויך, גלייך אין הימעל אריין!...
און הערען פון דאָרט, יא, וויא דיין חיל זיעגט! —
און זעהן פון דאָרט, יא, וויא דער שונא ליעגט! —
ווער איז ער, ווער? — יא, דיא רוימער.
שטילער, שטילער... (זיא קוקט זיך אַרוים)
נאַטוניו! נאַטוניו! בעוויז דיין נס! (פּיסס)
(לייגט זיך אויפ'ן בעטעל).
אָ, איך בין שרעקליך מיעד, אָ, חאַטש איין דרימעל,
היט אָפּ מיין נשמה, גרויסער גאָט אין הימעל!
(וויל אַנטשלאָפען ווערען).

———————

פיערטע סצענע.

(רופוס קומט אריין דורך דעם טהירל רעכטס, שיכור'לעך, ער בלייבט שטעהן בייא דער טהיר און רעדט צו זיך):

רופוס. (פערשיכור'ט) איך וויים צו האט ער איהר געזאָגט אצינד? —
(ער געהט צו צום בעטעל — דינה חאַפּט זיך אויף מיט שרעק).
הא! וואס מאַכסטו מיין יודישקע? איך ליעב א יודיש קינד;
היינט ליעב איך נאָר יודיש; יודיש געלד, יודיש לאנד, יודיש בלוט!
ווער שמועסט א יודישע טאָכטער,

(ער וויל זיא אָננעהמען, זיא גיט איהם א וואָרף פון זיך) —

נו, נו, וואָרף דיך ניט! —

אָ, מיין זיסער אמאָר! דיין וואָרט גיב מיר נאָר — גיב!

איך האב דיך ליעב! — זאָג! — האסטו מיך אויך ליעב?

ד י נ ה. פאָרדער ליעבע פון דיין פרוי, דאס האט א זינן;

אָבער וואס ווילסטו פון אזא אָרים מיידיל וויא איך בין?

ר ו פ ו ס. אָרים ביסטו? ביסט רייך מיינע קלוגע „יאָנאָה!"

וואס דוא ווילסט, זאָג ארויס, האסטו בייא מיר א מתנה;

מיין שעהנע „וועגוס", איך שענק דיר מיינע גיטער,

גליקליך מאַך איך דיך, איך שווער דיר ביים „יופיטער!"

ד י נ ה. נעה מיט דיינע געטצען, וואס זיינען פון האָלץ,

א י י ן גאָט האב איך — אויף א י ה ם בין איך שטאָלץ! —

איך שפייא אויף דיין ליעבע, אויף דיין רייכקייט אָהן צאָהל,

איך האב ליעב מיין גאָט, מיין פאָלק ישראל! —

ר ו פ ו ס. אזוי? האסטו, הייסט עס ליעב דיין גאָט און דיין פאָלק בעסער פון מיר?

דוא עזות'ניצע, דוא ווייסט ווער עס רעדט מיט דיר?

ד י נ ה. א מ ע נ ש רעדט מיט מיר, ניט מיין שעפּפער, מיין בורא!...

ג אָ ט איז מיט מיר! — פאר וועמען האב איך מורא?

ר ו פ ו ס. האסט ניט מורא? ווייסט אז דוא ביסט בייא מיר אין דיא הענד?

איך קען דיך טייטען אין דעם מאָמענט! —

ד י נ ה. מיין פ ל י י ש שניידען קענסטו, אָבער ניט מיין נשמה!...

א י ה ר קענסטו גאר ניט טהון, בייא ג אָ ט איז איהר נחמה!

ר ו פ ו ס. הערסטו אזא כלב'טע—סאָלדאטען! נעהמט זיא, צוהאַקט זיא אויף שטיקער

ד י נ ה. (נאכקלעהרענד פאר זיך) מען מוז אנדערש שפּיעלען דיא ראָלע מיט אזא שיכור!

(צו רופוס'ן מיט א פאַלשען שמייכעל):

הע, אזוי ליעב האט איהר מיך, אז איהר הייסט מיך גאר צו שניידען?

נו, און איהר אליין, וויא איהר זאָגט, זאָלט אייער געטין גאר שאדען?

אייער שיינער יודישקע זאָלט איהר דאס טהון?

(נעהמט אראָפּ פון איהם דעם העלם און טהוט זיך אָן).

א נו? קוקט יעצט אָן א פּנים! הא? פּאסט עס? שטעהט עס מיר אָן?

(רופוס קוקט זיא ליעבליך אָן און שמייכעלט).

יעצט טהוט מיר אליין אָן אייער פאנצער! — (ער טהוט עס)

יעצט בין איך שוין נאר א העלד א גאנצער.

נו? און דער גירטעל מיט דעם שווערד, איז ניט געמאָסטען אויף מיר!

(נעהמט אראָפּ פון איהם דעם גירטעל מיט דער שווערד און טהוט זיך עס אָן).

יעצט מעגט איהר מיך מאַכען פאַר אייער קאָמאנדיר!

רופוס. (מיט א פערשיכור'טען שמייכעל) וואס קאָמאנדיר? ביסט יעצט מיין

מארס, מיין צעזאר;

בעפעהל איבער מיר געטין! טהו זיך אפילו א בייזער!

(ער פאַלט פאַר איהר אויף דיא קניע, און וויל זיא ארום נעהמען, זיא חאַפּט אַרויס דיא דיא שווערד, הייבט זיא אויף איבער זיין קאָפּ).

דינה. (מיט א געשרייא) שטעה! יעצט דיין קאָפּ! ס'איז ניט קיין געלעכטער!

דוא האסט פערגעסען דעם מוטה פון דיא יודישע טעכטער?

ווער האט אין סיסראָ'ס שייטעל אריין געשלאָגען א נ'אָהל,

ווען ניט א יודישע טאָכטער דיא שוואכע יעל?....

און אַלאָפערנוסעס קאָפּ, אָט דעם גרויסען ריעז:

האט יהודית דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט, געשטעקט אויף א שפּיעז! —

(רופוס חאַפּט זיא בייא דער האַנד, וועלכע האַלט דעם שווערט).

רופוס. (וויא עטוואס אויסגעניכטערט) שטעה דינה! דוא וואגסט אצינד צו פיעל:

פערשטעהסטו דען ניט א שפּאס אָדער א שפּיעל?

מיר האט מען פראָפעצייהעט און איך מעג עס גלויבען:

אז א פרוי וועט מיר אמאל נעהמען דאס לעבען;

דערפאַר האט זיך דערשראָקען אזא העלד וויא איך;

נאָר ניט אויף דיר גלויב איך, דוא זאָלסט זיין דער שליח,

לאָמיר זיךביידע פערצייהען! — מיט דעם שריט צו לעצט,

ביסטו בייא מיר נאך מעהר געאכטעט און געשעטצט! —

פינפטע סצענע.

(דאס טהירל עפענט זיך אויף, מען זעהט שטעהן פאַפּוס'ן מיט סעראפהינא. פאַפּוס ווייזט איהר אָן אויף דער סצענע, וויא רופוס שטעהט פאר דינה אויף דיא קניע, אליין ווערט ער פּאַלד פערשוואונדען. סעראפהינא געהט שטיל אריין, אַזוי אַז רופוס בעמערקט זיא ניט. זיא געהט צו צו'ן איהם און לייגט איהם ארויף דיא האַנד אויף דער פּלייצע, רופוס קוקט זיך אום און הייבט זיך געשווינד אויף, און בלייבט שטעהן, גלייך וויא ער זוכט עטוואס— סעראפהינא קוקט אויף איהם פּייז).

סעראפהינא. (צו רופוס'ן) שעהן! גרויסער רוימישער העלד, שעהן, שעהן!
דעם לאַרבערקראַנץ בעקומסטו יעצט פון מיר אליין!....
פאר א פראָסט יודיש מיידיל קניען? — א דאס מאַכט דיר עהרע!
אויף א זוינעם געטרויעט מען א לאַנד? חלעבען איין עבירה!
(איראָניש) דער צעזאר וואָלט דיך נאך געמעגט מאַכען פאר זיין פערטרעטער
(בייז) אהיים גיך! מיט דיר וועל איך מיך שוין אָפּרעכנען שפּעטער! —

(ער קוקט מיט קוריעזע בליקען אויף איהר און געהט ארויס)

(צו דינה) נו? און דוא? מיין יודיש, פרום, פיין, עהרליך קינד!
אָ! א העלד! — דאָפּעלט שעהן ביסטו אצינד!
א מאַן פון א פרוי, וויא עס שיינט, געפעלט דיר שעהנער?
האסט זוניג, דוא ניעדריגע דיינע יודישע מענער?

דינה. (שטאָלץ) נאָר ניט בעליידיגען, דאס ערלויב איך נישט דיר!
מעהר פון מיין לעבען איז מיין עהרע טהייער בייא מיר! —
איך בין אויך א צעזארין בייא מיר, ווייסטו שוין?
„אָרדענטליכקייט" און „אונשולד" — דאס איז מיין קרוין! —
דוא ווייסט, אז ניט מיט מיין ווילען בין איך אהער געגאַנגען!
מיט אונרעכט האט מיך דיין מאַן גענומען געפאַנגען —
ניט מיט א קריעגערישען צוועק, ליידער, וויא א הערשער דארף זיין;
וויא איך זעה, האט ער געהאט מיט מיר איין אונמענשליכען פּלאַן...
שוין דרייא טאָג אז מיט זיין דאָקוטשען גיט ער מיר קיין רוה,
באַלד שרייט ער אויף מיר און שרעקט מיך, באלד זאָגט ער מיר דאס בעסטע צו
נאך איין מינוט, וואָלטען אַלע רוימישע מענער געהאט א לעהרע,
וויא טהייער ציון'ס טאָכטער קויפט אויס איהר עהרע!....
מיט זיין אייגענער שווערד וואס ער אליין האט זיא מיר געגעבען,
וואָלט ער געוועזן בעצאָהלט מיט זיין לעבען. —

סעראפהינא. אָ, אָ! וויא וואויל דוא קענסט דיך נאך אויסטענה'ן;
נאָר ניט פאר מיר עזות'ניצע, וועסטו זיך אויספיינען! —
איך פערשטעה מיך גוט אויף גנבה'שע תירוצים אזוינע,
וואו עס טויג האט מען ליעב, און וואו עס טויג אי[illegible]ען א שונא!
איך וועל דיר ווייזען וויא בייא מיר אין שטוב.
האט מען זיך מיט פרעמדע מאַנען גאר ליעב!

דינה. טייט מיך בעסער, דוא אונפערשעהמטע! ס'איז מיר אלעס איינס!
נאר מעהר זאל איך ניט הערען פון דיר קיין ווארט קיין געמיינס!

פעראפהינא. (בייז)ווארט, איך וועל דיר וויזען ווער איך בין און ווער דוא.

(לויפט ארויס דורך דעם טהירל רעכטס).

זעקסטע סצענע.

(רופוס קומט אן דורך'ן טהירל לינקס).

רופוס. (ערנסט און בייז) בר־כוכבא האט ארום גערינגעלט אונזער פעסטונג מיט
א שרעקליכער מאכט,
און מיר האט מען נאך ביז יעצט קיין הילפס טרופען צוגעבראכט;
דינה! אויב דוא ווילסט ראטעווען דיין לעבען און אויך פון דיא אידען,
זאלסטו בעטען דיין חתן ער זאל יעצט שליעסען פריעדען,
און ווען ער וועט אפטרעטען פון דאנען מיט גוטען ווילען,
וועל איך אלע זיינע פארדערונגען, וואס ער וועט שטעלען, ערפילען.

דינה. ווייסטו דען ניט פון לאנג וואס מיר באגערען?
פון דעם רוימישען יאך אויף אייביג פטור ווערען —
קיין פוס פון קיין רוימער זאל זיך אין אונזער לאנד ניט געפינען,
מיר זאלען קענען וויא שטענדיג אונזער ליעבען גאט פרייא דיענען! —

רופוס. ווידער ווילסטו דיר דאס נארישקייט איינבילדען? —
איך ווידערהאל: דוא זאלסט זעהן איינגעהמען דעם טיגער דעם ווילדען,
און קוים זעה איך איהם ניט פון דאנען אוועק געצויגען,
ווערסטו צושניטען אויף שטיקער פאר אלע אין דיא אויגען. —

דינה. (קאלטבלוטיג) שעהן! —דערנאך געהסטו אין דער רייהע, דערנאך דיין מיליטער,
א, עס איז ווערט דאס אפפער, ניין, איך ווינש ניט מעהר!

רופוס. (בייז) גיך הייס איך דיך נעהמען, דוא יודיש פערשאלטען ווזען,
דיך הייסען ארויף שטעלען אויף דער מויער דער דיקער;
ועסטו אפבעטען און איינגעהמען דיין טיגער דעם בעזען,
חען ניט — וועט מען דיך פאר אלע צושניידען אויף שטיקער! —

זיבעטע סצענע.

(ער חאַפּט זיך אַרויס רעכטס, פון לינקס קומט אַן סעראפהינא — זיא שטעלט זיך שטאָלץ קעגען דינה'ן — מאַכט צון איהר מיט דער האַנד, גלייך וויא זיא סטראַשעט זיא. זיגגט א דועט מיט סעראפהינא).

סעראפהינא. וואַרט איך וועל דיר!....

דינה. וואס וועסטו מיר?

סעראפהינא. וואס האסטו געוואָלט אונפערשעהמטע, יעצט האבען פון מיין מאַן!

דינה. איך בעט דיך מיט גוטען לאָז רוהיג זיין!

סעראפהינא. שוויינ דיא מינוט.

דינה. וואס? — טענה'ן אויך ניט?

סעראפהינא. האַלט חאָטש צו פאַר מיר דיין פּיסק, דיין מויל,

דינה. ניין! פאַרוועהרען קענסטו — ניט — ניין —

סעראפהינא. איך פרעג דיך נור וויא קומט עס צו דיר? אונשולדיגע, יא, זאָג פון וואנען,

דינה. אוי רעדסט פאַלש, דאס קען גאר ניט זיין!

סעראפהינא. זאָלסט אזוי יודישקע איינלאָקען, צו שמייכלען נור פרעמדע מאַנען.

דינה. איך דארף ניט קיין מענער, בפרט דיין מאַן! —

סעראפהינא. שוויינ זאָג איך דיר,

דינה. וואס האסטו צו מיר?

סעראפהינא. פאָלגסט מיך ניט, וועסטו האבען, וואַרט וועסט זעהען,

דינה. איך הער דיך ניט, הער דיך ניט... ניין!

סעראפהינא. איך זאָג דיר שוויינ, } ביסס

דינה. שוויינ דוא אליין, שוויינ! }

סעראפהינא. אוי אוי, אוי אוי, ס'וועט זיין מיאוס! } ביסס

דינה. אוי, טרעט מיך ניט מיט דיא פיס. }

סעראפהינא. . . . . . . שוויינ!

דינה . . . . . . ניין.

דינה. ליעבע פרוי, איך בעט דיך מיט גוטען:
אויב דיין עהרע איז טהייער בייא דיר,
זאָלסטו זעהען יעצט דיין כבוד אָפּהיטען,
און לאָז דיך אָפּ פון מיר! יא!

ס ע ר א פ ה י נ א. איך זאג דיר שווייג!

ד י נ ה. שווייג דוא אליין!

ס ע ר א פ ה י נ א. אוי, אוי, אוי, אוי ס׳וועט זיין מיאוס!

ד י נ ה. אוי, טרעט מיך נים מיט דיא פיס!

ס ע ר א פ ה י נ א. . . . . . . שווייג!

ד י נ ה. . . . . . . ניין! —

(סעראפהינא געהט צו צו דער טהיר לינקס און עפענט זיא אויף).

ס ע ר א פ ה י נ א. הע, איהר סאָלדאטען, קומט שנעלער אהער אריין!

(סאָלדאטען קומען אריין, שטעלען זיך בייא דער טהיר, ס ע ר א פ י נ א שטעלט זיך וויעדער שטאָלץ געגען דינה׳ן).

ס ע ר א פ ה י נ א. נו וועסטו נאך שטאָלצירען?

נו בעוויז יעצט פאר מיר דיין מוטה אצינד!

איך לאָז דיך ארעטירען!

טאקע באלד, טאקע באלד, גיך און געשווינד! —

ד י נ ה. (צוזאמען מיט סעראפהינא׳ן).

יא, איך וועל שטאָלצירען,

דאָך האב איך נים פאר דיר מורא אצינד!

מענסט מיך דאָ ארעטירען,

טאקע באלד, טאקע באלד, גיך און געשווינד.

ס ע ר א פ ה י נ א. חא, חא, חא! אָ, ס׳איז שעהן!

ד י נ ה. . . . . א יא ס׳איז שעהן! —

ס ע ר א פ ה י נ א. שווייג חאָטש דוא נאריש קינד, מיר וועט עס פון דיר נאריש אויס,

ד י נ ה. איך וויים? דיר וועט עס פון מיר נאריש אוים!

ס ע ר א פ ה י נ א. וואס דוא מאכסט דיך פאר מיר אצינד אזוי גרויס?

ד י נ ה. איך מאך מיך פאר דיר אזוי... גרויס —

ס ע ר א פ ה י נ א. גרויס? מיר וועלען זעהן!

ד י נ ה. אָ! מיר וועלען זעהן! —

ס ע ר א פ ה י נ א. דוא וועסט נים בעשטעהען! —

ד י נ ה. יא, יא, בעשטעהען! —

ס ע ר א פ ה י נ א. הע!

ד י נ ה. מענסט דיר וואס דוא ווילסט נור מאכען (ביסס)

ס ע ר א פ ה י נ א. חע! ניך נעהמט זיא!) פיסס
ד י נ ה. מיט פערגעניגען! —)

ס ע ר א פ ה י נ א. געה, צום לעצטען מאל, מיין ליעבע, געה!

ד י נ ה. איך געה צום לעצטען מאל, מיין ליעבע, איך געה!

ב י י ד ע. אדיע! —

(סאלדאטען פיהרען אוועק דינה'ן לינקס, סעראפהינא בעגלייט איהר, נאכצייגענדיג מיט דער האנד)

פערוואנדלונג.

ערשטע סצענע. ניינטעס בילד.

(שטעלט פאר דיא פעסטונג צעזארעא. בעלאגערט פון בר־כוכבא'ס מיליטער — רינגס ארום דער לאגער־פעלד היטען, בר־כוכבא מיט עזריה'ן, זיין גענעראל. שטעהען בעטראכטען דאס לאגער וויא דאס מיליטער דארף אנקומען, מען הערט פויקען און טראמפעטען־שאלל. דאס מיליטער מארשירט אריין אויף דער ביהנע).

מ י ל י ט ע ר. (זינגענד) אזוי — אזוי אין דיא הענד האלט
שפיעזען, שווערדען — אין דעם הערצען האלט נאם!

ב ר־כ ו כ ב א. שעהן!

מ י ל י ט ע ר. האח!

ב ר־כ ו כ ב א. (פארהערט זייא מושטירען).
מיר העלדען, מיר זיינען גאר ניט מרה שחורה'דיג,
צום קריעג דער שופר נאר רופט;
אננעשארפט זיינען דיא שפיעזען נאר מורא'דיג,
געטונקט דיא פיילען אין גיפט.

ק א ה ר. (ווידערהאלט דאסזעלבע).

ב ר־כ ו כ ב א. מיר שטעכען, מיר ברעכען, מיר שניידען, נאר זיענעריש,
מיר רייסען, מיר בייסען, מיר וויטהען נאר טינעריש,
מיר נייטען, מיר קנייטען, מיר טייטען נאר קריענעריש,
דיא שונאים אזוי —
זייא פאלען וויא שטרוי —
(ווידערהאלט)

ב ר־כ ו כ ב א. פרעהליך שפאנען דורך דיא טויערן,
דיא העלדען פון דעם קריעג ;
און דאס פאָלק אויף דיא הויבע טויערן,
בעזינגען שעהן דעם קריעג.

ק אָ ח ר. (דאס זעלבע).

ב ר־כ ו כ ב א. דער פיינד, דער איז געביינט צו דער ערד,
אונז האט נים געשאט,
ווייל דיא א מ ו נ ה איז אונזער שווערד,
און אונזער מאכט איז ג אָ ט ! —

ק אָ ח ר. (ווידערהאָלט)

ב ר־כ ו כ ב א. שעהן !

ק אָ ח ר. האָח ! —

(דאס מיליטער לייגט זיך אנידער אין לאַגער מיט דיא אויסגעשטרעקטע שפיזען).

ב ר־כ ו כ ב א. (צו עזריה'ן) אָט אזוי, אזוי, זייא דארפען זיין מתמידים ;
פערגעסט נים, אז דאס זיינען ר' עקיבא'ס תלמידים,
געוואָהנט נאָר צו לערנען, צו שאַרפען דעם מח ;
און האָטש זייא פעהלט עס נים אין גבורה און כח,
נאָר לערנען מוז מען זייא וויא אומצוגעהן מיט כלי נשק,
איך בעט דיך עזריה, ווידערהאָל עס מיט זייא מיט חשק —

ע ז ר י ה. איך דאנק דיר משיח ! דיין רצון איז א געזעטץ ביי מיר ! —
בעפעהל נאָר, ועססו זעהען וויא אלעס וועט געהן גוט אָהן א שיעור.
דיא פעסטונג צעזאָרעא פון נאָהנט און פון וויטען,
האבען מיר אומרינגט מיט פיעל מיליטער פון אלע זייטען ;
אלע זיינען גרייט וויא איין מענש, וויא איין זעעל,
צו קעמפפען מיט מוטה, מען ווארט נאָר אויף דיין בעפעהל ! —

ב ר־כ ו כ ב א. עס איז נאָך נים צייט מיט שטורם אָנצופאנגען ;
ווייל דינה איז נאָך דאָרט אין דער טויער געפאנגען,
איך וויל נאָך אָפווארטען איין מאָמענט,
פיעלייכט וועל איך זיא נאָך קענען רעטען פון זייערע הענד,
און ווען ער וועט זיא נים מיט גוטען ארויס געבען באלד,
דאן וועט מען מוזען צוטרעטען מיט געוואלד —

צווייטע סצענע.

(א פעלד־יעגער קוממ אַן לינקס, אין דער האנד טראגט ער א פייל, ארום וועלכען עס איז אַנגעקלעפּט א שטיקעל פּארמעט, געהט צו צו בר־כוכבא, פערנייגט זיך).

פעלד־יעגער. פון דעם רוימישען לאגער האט געטראָפען א פייל,
אנפאנגען א מלחמה, איז דאס א סיגנאל! —

(בר־כוכבא נעהמט בייא איהם דיא פייל און זאגט פערוואונדערט):

בר־כוכבא. נאר מיט א קוויטעל? — ארום געקלעפּט? ליידיג פון אלע זייטען? —
(צו וויקעלט עס) „התבוננו" נאָר איין וואָרט? — וואס קען דאס בעדייטען?
(קלעהרט עטוואס) הא! הא! רעכט! (צו עזריה'ן) געה גיך און זוים ניט לאנג!
בעפעסטיגען דיא עפענונג פונ'ם אונטעראירדישען גאנג:
נעהם צר־נ־אויף שטיל איין אבטהיילונג פון שטארקע לייט,
לעבעדיג אהין אריין, מיר דארפען זייא ניט געבען קיין צייט!
נאָר וואס זאמט זיך דאָרט פאפוס, וואס קען דאס זיין?
איז מעגליך אז דיא רוימער האבען ערפאהרען זיין פלאן?
און האבען איהם וויא א שפּיאָן געפאנגען?
און זיין קאָפּ איז שוין לאנג אויפ'ן שפּיז אויפגעהאנגען! —
איך רעכען אָבער, אז איהם וועט עס געלינגען,
וויל ער איז קלוגער פון זייא, פון דיא וואוילע יונגען. —

דריטע סצענע. — צעהנטעס בילד.

(פאפוס לויפט אריין פערסאפּעט).

פאפוס. נו, הייגט פערשטעהט איהר וויא פאפוס דרעהט זיך אויס!
אז איך זעה, אז איך קען פון זייערע הענד ניט ארויס,
דערצעהל איך דעם טיפּוש, אז דורך דעם געהיימען וועג גלייך,
וועט איהר קענען קומען אהן געוואלד אין לאגער צר־נ־אייך,
ער געטרויעט מיר זיינע העלדען אָן און קלויבט מ י ך אויס,
זייא דעם וועג צו ווייזען, און איך זאָל געהען פאָראויס,
איך האב אייך דערוויל געגעבען צו וויסען,
אז איהר וועט האבען באַלד א גאסט — נו, האט מען זייא אביסעל אנגעשמיסען!

איך האב זייא געוויזען א וועג אין דיא אונטעראירדישע טרעפ,
ווייא אזוי מען קען בלייבען גאר אהן געוואלד אהן קעפ! —
איך האב זייא געוויזען, אז א יוד מיט איין און איינציג אויג,
זעהט בעסער ווייא א רוימער מיט צווייא, נאר וואס איהם טויג. —

ב ר־כ ו כ ב א. (אונגעדולדיג) וואס מ..ט דארטען דינה, האסטו זיא געזעהען?

פ א פ ו ס. מען לאזט מיך ניט צו צו'ן איהר, זיא איז פערשלאסען אליין,
דער טיפוש האלט זיא פאר א משכון, און באלד גלייך,
וועט ער זיא אויף דער מויער ארויפשטעלען פאר אייך,
זיא אליין זאל בייא אייך, און בייא אלע בעטען,
אז מען זאל שלום מאכען, און פון דאנען אפטרעטען,
וועט איהר אבער ניט וועלען, וואס וועט טהון דער שיכור?
וועט ער זיא פאר אייערע אויגען צושניידען אויף שטיקער! —
אט איז זיא!! —

(אויף דעם מיטעלסטען טהורם פון דער פעסטונג צעזארעא, ערשיינט **דינה** — **בר־כוכבא** דאס גאנצע מיליטער שפרינגען אויף).

ד י נ ה. (הייבט אויף דיא הענד און זינגט) הערט!

ק א ה ר. יא, מיר הערען דיך!
זייא נעגריסט און זייא געבענשט,
דיא שעהנע טאכטער פון דיא יודען,
זייא גאנץ רוהיג, האב קיין מורא,
שרעק דיך ניט און זייא צופריעדען,
בייא דעם שונא אין דיא הענד, האב קיין מורא שרעק דיך ניט!
מיר וועלען אונזער לעבען שטרעקען ביז אין לעצטען טראפען בלוט!
יא, יא, יא, מיר וועלען אונזער לעבען,
יעצט שטרעקען פון דיינעטוועגען! —

ד י נ ה. הערט נאר, איידער איך וועל ריידען יעצט אנהייבען,
זאלען מיר יעצט צו גאט דיא הענד אויפהייבען,
זייט־זשע אלע גרייט!

ק א ה ר. יא, אלע וועלען זיך אנגרייטען! —

ד י נ ה. צרנ־א נעבעט!

ק א ה ר. יא, אלע וועלען בעטען! —

ד י נ ה. הערט מיך צו.

קאָחר. . . . יא !

דינח. פאָלט אויף דיא קניע !

קאָהר. . . . יא !

דינה. פאַר אונזער גאָט (זיא פאָלט אויף דיא קניע — דאס קאָהר פאָלט אויך)

קאָהר. (שטיל) גרויסער גאָט —

דינה. גרויסער גאָט, גאָט פון דיין פאָלק ישראל !
צוליעב דיין נאמען שטעה אונז בייא ! —

קאָחר. צוליעב דיין נאמען שטעה אונז בייא ! —

דינח. שיק אונז ניך,

קאָהר. שיק אונז ניך,

רינה. דיין רעטונגס ענגעל, אוי ! נאָך היינטינס מאָל ! —
מיר זאָלען ! —

קאָהר. מיר זאָלען ! —

דינה. זיעגען יעצט —

קאָהר. זיעגען יעצט —

דינה.
קאָהר. } בעזיעגען אונזער פיינד.

דינה. הער־זשע איין,
מיין געבעט,
מקריב זיין,
בין איך מיך גרייט,

קאָהר. יא, מקריב זיין זיך אלע,
זיינען מיר זיך גרייט !

דינה. פאַר מיין גאָט, פאַר מיין פאָלק, פאַר מיין טהייער פאטער־לאַנד.

(וועהרענד דינה ענדיגט דאס לעצטע וואָרט, הייבען זיך אלע אויף פון דיא קניע · דינה הייבט זיך אויך אויף פון דיא קניע, און רעדט מיט פייער פון אויבען צום פאָלק אַראָפּ).

הערט אוים מיין פאָלק יהודה, און דוא שמעון דער מלך !
הערט און פערליערט קיין מוטה, זייט מונטער, פרעהליך :
דער רשע האט געהייסען איך אליין זאָל אייך בעטען,
אז איהר זאָלט מיט שלום פון דאַנען אָפּטרעטען,
און אז איהר וועט שלום מאַכען מיט איהם יעצט אלע,
נימט ער מיך צוריק מיין פאטער, דעם חתן — דיא כלה —

דאס ווייסט מען, אז איהר פאטער, איז אייך שטענדיג דאגנען,
ער בעט אלע און רעדט נאר פון שלום'ס וועגען;
צו דעם צוועק איז ער ביים שטאטהאלטער רופוס געווען,
איהם פערשפראכען, אז ער וועט נאר וועגען שלום געהן,
און אז רופוס האט אויף זיין ווארט ניט אזוי שטעלען געקענט,
האט ער דינה'ן פאר א משכון געלאזט אין זיינע הענד...

ב ר - כ ו כ ב א. (ציטערט אזש פאר כעס) פאפוס!!

פ א פ ו ס. דאס איז אמת, ווייסט יעדער, ניט אויסגעטראכט,
אז ער א ל י י ן האט זיא צו רופוס'ן געבראכט.

ב ר - כ ו כ ב א. (מיט רציחה) אוועק פאפוס! געוואלד, אוועק פון מיינע אויגען
צו שארף איז דיין רכילות, ווי די שפיציגע פיילען פונ'ם בויגען!...
מ ו ר ד איז דער אלטער? מ ו ר ' ד אין זיין משיח?
זיין קינד פערקויפט! א! שיק איהם אריין גיך!

(ער לויפט אום פאר כעס איבער'ן צימער און ברעכט די הענד, פאפוס רוקט זיך דער־ווייל אלע מאל נעהנטער צו דער טהיר, און ווערענד ער הייבט אן ארויס צו געהן, קוקט ער אויף בר־כוכבא'ן מיט א שמחה און זינגט זיך אונטער):

פ א פ ו ס. אוי די נקמה! איז מיין נשמה! מיין לעבען, מיין נחמה! (אב)

(בר־כוכבא געהט אום איבער'ן צימער עטליכע מאל, און אז ער זעהט אז קיינער קומט ניט אריין, געהט ער צו צו דער טהיר לינקס און שרייט ארוס):

ב ר - כ ו כ ב א. רופט מיר אריין די סנהדרין צום משפט געשווינד!
יא, ג'משפט מוז ער ווערען פאר מיר און פאר זיין קינד!
אז ער שרייט שטענדיג „שלום" דאס ווייס איך שוין לאנג;
נאך נייא מיר זאל איך ווארמען אזא גיפטיגע שלאנג?
א, טהייער מוז מיר בעצאהלט ווערען מיין דינה'ס לעבען,
זיא, וואס האט מיר דעם גאנצען כח און מוטה געגעבען.

———

צווייטע סצענע. צוועלפטעס בילד.

(אין דעם מאמענט קומען אריין די סנהדרין, צווישען זיי אלעזר).

ב ר - כ ו כ ב א. זעטצט זיך אויס סנהדרין, יעדער אויף זיין שטוהל!
א י ה ר, וואס האט ג'משפט אזוי פיעל,
און לייענט פאר דינים בשערי העיר!
צו זאגען דעם אמת, געשווארען זייט איהר:

וואס קומט דעם מענשען? זאגט ארויס פרייא!
וואס איז מורד במלכות, דעם לאנד ניט געטרייא?

אלעזר. (זינגט) דער דין איז קורץ און שארף, און גיך,
אָהן פיעל הקדמות —

סנהדרין. ווער ס'איז מורד במשיח,
איז אחת דתו להמית! —

בר־כוכבא. ניין, ווידערהאָלט עס נאך אמאל,
ניין, ווידערהאָלט עס גאר אָהן צאָהל,
לאָזט הערען דעם משפט בפני עדה וקהל!

אלעזר. דער דין איז קורץ און שארף און גיך,
אָהן פיעל הקדמות:

סנהדרין. ווער עס איז מורד במשיח,
איז אחת דתו להמית! —

בר־כוכבא. גיך ערפילט דעם משפט אין דער שעה דער בייזער,
אין דעם בוגד, ומורד במלכות — — אלעזר!!

סנהדרין. (ערשראָקען) אָ, נאָט!

אלעזר. (זינגט) אך, וואס הער איך וואס?
איך פערשטעה גאר ניט דאס?
בארעכען זיך נאָר דיא זאך צו פעהלסטו ניט?
(צו דיא סנהדרין) איך שווער דאָ אלטע פאר אייך אלע,
אז איך וויס פון גאר ניט, ניין!
דאס געזעטץ בין איך ממלא,
היילינ איז דאס תמיד בייא מיר געוועז.

סנהדרין. זייא אונז מוחל גרויסער משיח!
גיב ניט ארויס דיין גזר אזוי גיך!
הער אונז עלטערע אצינד,
מיר שווערען דיר, אז ער איז ריין פון זינד! —

[א]לעזר. איין גאָט איז מיין עדות,
אז איך בין ריין פון זינד. —

[ב]ר־כוכבא. יא, פאלש ביסטו פון לאנג געוועז!
צו דיא רוימער פלעגסטו בסוד איבערגעהן!

און פאר א משכון צו מאכען פריעדען,
האסטו פערקויפט דיין קינד און אויך אלע יודען! —

סנהדרין. . . . א, נאט!

בר־כוכבא. וואס? איהר שרעקט אייך! וואס, איהר האט מורא?
איהר שווייגט איהם, ווייל ער איז א גדול בתורה!

סנהדרין. . . . א, נאט!

בר־כוכבא. איהר שווייגט? וואס, איהר רעדט ניט? — הא? — — נא!
(דערשטעכט איהם).

דריטע סצענע.

(עזריה לויפט אריין פערסאפעט, געהט צו צו בר־כוכבא).

עזריה. איהר וועט מיר פערצייהען, גרויסער משיח!
א שלעכטע בשורה ברענגט אייך דער שליח:
א גרויסע מאכט פון דעם שונא, וויא זאמד אין מעער,
איז בעפאלען אונזער לאנד, כאזען זיך נעהנטער אהער,
זייא טייטען און פערברענען, עס איז ניט אויסצושטעהן;
אין דער מיט געהט דער מלך אדריאנוס אליין,
ער האט ארום געריינגעלט ירושלים מיט א גרויסער מאכט,
און דיא הייליגע שטאט וויעדער ביז אין גרונד חרוב געמאכט.

בר־כוכבא. (פערטומעלט) לאזט בלאזען דיא שופרות צו דער מלחמה גיך!
נאר מוטה, יודען, מוטה! מיט אייך געהט אייער גבור משיח!

(אזוי ווילד שרייענדיג, לויפט ער ארויס לינקס, נאך איהם עזריה — דיא סנהדרין בייגען זיך אן צו אלעזר׳ן איהם פערבינדען זיינע וואונדען).

אלעזר. (אנגעשפארט אויף צוויא אלטע לייט, האלט מיט דער רעכטער האנד צו דיא וואונדען — מיט דער לינקער אויסגעשטרעקט אין דער ריכטונג וואוהין בר־כוכבא איז ארויס געגאנגען).
מיין ווארט הער, בר־כזיבא, דוא פאלשער משיח אוים!
איידער דער אלטער אלעזר פון דיין האנד געהט אוים:
אין דער מלחמה איז דיין גבורה הבל־הבלים!
יא, „שלום“ האב איך נאר געבעטען, יא שלום, נאר שלום!
מיט מיר שטארבט דער שלום און מיט דיר שטארבט דיא מלחמה!...
אוי נאט!! (ער ווערט שוואך)

סנהדרין. גאָט! דוא גערעכטער גאָט!

אלעזר. גאָט איז מיין עדות, אז ס'איז ריין מיין נשמה!
דרך כוכב, דרך כוכב איז ניט דער פאַלשער שטערן, ניין!
וואס גלאַנצט א מינוט און קען פערגעהן...
וואס גאָט וועט שיקען זיין אמת'ן משיח,
דער וועט אויף אייביג שיינען און ניט פערלאָשען ווערען ניך!...
אוי! — (מיט א שוואכער שטימע)

סנהדרין. . . אָ, גאָט!

אלעזר. אָ, גאָט, ס'איז מיר שלעכט!...
גאָט! דיין משפט איז גערעכט, (זינגט שוואך)
אוי! אזוי זאָגט גאָט אצינד:
איך קען דיך ניט מעהר,
ביסט ניט מעהר מיין קינד, (ער ראַנגעלט זיך מיט דעם טויט)
איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד;
אוי ציון'ס ליכט צאַנקט אצינד!
לעשט אייביג אוים — (קוים וואס מען הערט דיא שטימע)
שיינען וועט ניט מעהר, מיין קינד,
איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד! —

(דיא לעצטע ווערטער הערט מען שוין גאר ניט, ער שטאַרבט).

פערוואנדלונג.

פיערטע סצענע. דרייצעהנטעס בילד.

(שטעלט פאָר דיא הויכע פעסטונג ביתר מיט א סך טהירמע, הינטען א געשלאָגענער מויער, אויף דער מויער אין א פאַלאַטקע ליגט בר־כוכבא און מען זעהט איהם ניט. שומרים געהן אַרום און בעוואַכען, עס איז נאַכט).

שומר. (זינגט אויף דער פעסטונג) גאָט דער גערעכטער,
קוקט אויף פון דאָרט!
שלאָפט ניט איהר וועכטער,
היט גוט דאס אָרט! —

ק א ח ר. מיר הערען, מיר הערען,
מיר הערען גום;
אנטשלאָפען ווערען
ווע‏לען מיר נים!

ש ו מ ר. גבורים וויא ריעזען,
היטען אונזער לאנד;
מיט דיא שארפע שפיעזען,
שלאָפען זייא אין דער האנד.

ק א ח ר. מיר הערען . . . א. ז. וו.

ש ו מ ר. דער שונא דער שלעכטער,
סוקט אויך פון דאָרט;
שלאָפט נים, איהר וועכטער!
היט גוט דאס אָרט! —

ק א ח ר. מיר הערען . . . א. ז. וו.

(שומרים ווערען אנדרימעלט, פאפוס פיהרט דורך שטיל דאס רוימישע מיליטער, און ווייזט זייא אויף דער פעסטונג).

ב ר־כ ו כ ב א. לויפט ארויס צוטראגען פון דער פאלאטקע בלאס — דיא האאר צושויבערט).
שווייגט וועכטער, שטילט! מ י ך דארפט איהר נים וועקען!
מיינט נים, אז איך שלאָף, איך קוק אין אלע עקען —
מיך וועקען ש ט א ר ק ע ר ע שומרים — לאָזען מיך נים שלאָפען,
זייא מיינען מיך דורך דיא נעכט צו מארטערן, צו שטראָפען!...
(פויזע) פאפוס איז צו דיא רוימער איבערגעגאנגען!...
נו? פון א י ה ם קען מען בעסערס נים פערלאנגען — —
נאָר — אלעזור'ס אונשולדיג בלוט שרייט מיר אין דיא אויערן:
„פערלוירען איז ירושלים" ! — פערלוירען ! (בעדענקענד) פערלוירען?
פיעלע פעסטונגען זיינען שוין אריינגעפאלען צו דיא רוימער אין דיא הענד,
זייא האבען שוין צוריק בעקומען פיעלע שטעדט, צובראָכען ציון'ס ווענד...
א, ניין! זאָלאנג דער שטאָלצער מוטה לעבט נאָך אין מיר,
וועל איך נאָך אלץ געווינען, קעמפפען וויא פריהער...
נאָך דיא לעצטע פעסטונג מוז איך פערטהיידיגען יעצט,
פיעלע האבען זיך אונטערגעגעבען, א י ך מוז קעמפפען ביי

bk

מוטה פערלירען? פאסט ניט פאר דעם בראוון קריגער!...
אפילו אין דער קלעם, איז נאך אלץ דער טיגער — טיגער!

(אין דעם מאמענט בעוויזט זיך אלעזר'ס גייסט פון דער רעכטער זייט פון דעם טהורם).

גייסט. (זינגט) אוי, אזוי זאגט נאט אצינד!

בר־כוכבא. (ערשראקען) וואס? נאך אלץ דער מארטער?...

גייסט. איך קען דיך ניט מעהר, ביסט ניט מעהר מיין קינד! —

בר־כוכבא. (נידערגעשלאגען) א, דוא שרעקליכע נבואה.

גייסט. איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד —

בר־כוכבא. (איז צוטראגען) פערלוירען זאגט ער איז אלעס? ניטא קיין ישועה?

גייסט. אוי, אוי! ציון'ס ליכט צאנקט אצינד.

בר־כוכבא. (ווילד ערשרעקענד) וואס? ציון'ס ליכט צאנקט בייא מיר אצינד?

גייסט. לעשט אייביג אוים, שיינען וועט ניט מעהר, מיין קינד!
איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד — —

בר־כוכבא. (מיט האס) איבער מיינע זינד, איבער מיינע זינד?
אוועק שרעקליכער גייסט! זאלסט פערשוואונדען ווערען:
שטעק מיר שפיזען אין מיין לייב, נאר דיא ווערטער זאל איך ניט הערען,
זאלאנג אין מיינע אדערן פליעסט דאס ווארעמע בלוט,
וועט ציון זיין געוואונען, ניין! עס צאנקט נאך ניט! —
הא! דעם מוטה זוכסטו בייא מיר צו רויבען?
דאס וואס איז מיין גאנצער כח, מיין גלויבען?
א, ניין! פערליערען וועל איך לענדער, מענשען מיליאנען,
בלייבט מיר דער מוטה, האב איך אלעס געוואונען! —

(גייסט בעוויזט זיך אויף דער לינקער זייט טהורם).

גייסט. אוי, אזוי זאגט גאט אצינד! —

בר־כוכבא. א? פערפאלגסט מיך אלץ? —

גייסט. איך קען דיך ניט מעהר, ביסט ניט מעהר מיין קינד! —

בר־כוכבא. ביסט ניט מעהר מיין קינד?

גייסט. איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד —

בר־כוכבא. (ווידער מיט האס) אוועק בעזער גייסט! פערשווינד געשווינד.
ניט מיך וועסטו שרעקען, פאר דיר שטעהט א ריעז:
מיט דיך זאלאנג מיין האנד ווארפט נאך א שפיז!...

(ער טהוט א וואַרף א שפּיעז דעם גייסט, דער גייסט פערשווינדעט, און ערשיינט אויגענבליקליך אויף דער רעכטער זייט טהורם).

נ י י ס ט. (זינגט ווייטער) אוי, ציון׳ס ליכט צאנקט אצינד,

ב ר־כ ו כ ב א. (אראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ שוואַך) הא ! !

נ י י ס ט. לעשט אייביג אוים, שיינען וועט נים ׳מעהר מיין קינד !

ב ר־כ ו כ ב א. (שוואַך) . . . יא !

נ י י ס ט. איבער דיינע זינד, איבער דיינע זינד. —

ב ר־כ ו כ ב א. יא, פערלוירען — אָ, טהייערער נייסט, ביסט שטארקער פון מיר !

מוטשע מיך נים, האב רחמנות ! איך קניע יעצט פאר דיר !

(ער פאלט אויף דיא קניע) יא, זייא מיר מוחל, נענוג שוין, לאָז מיך שוין צו רוה —

(מיט געוויין) זעה, דער גרויסער גבור בייגט פאר דיר דיא קניע !...

איך וועל שטאַרבען, יא, נאָר לאָז מיך שטארבען וויא א העלד,

לאָז מיך חאָטש זיין דער לעטצטער אויף דעם בלוטיגען שלאַכטפעלד...

(גייסט פערשווינדעט, בר־כוכבא פאַלט אויף דער ערד צום פּובליקום).

יא, ברידער, פערגעסט שוין פון היינט אָן אין דעם זיעג,

אונזער היילינ לאַנד, וועט איהר שוין נים אָפּנעהמען מיט קריעג,

נאָר אויף א י י ב י ג אונטערוואָרפענע — דענקט שוין גאר נים אפילו אויך,

אז גאָט וויל נים, איז אומזיסט דעם גבור׳ס כח ! — —

(אין דעם מאָמענט הערט מען איין טראָמפּעטען־שאַל, און א געשרייא פון א סך רוימיש מיליטער).

ב ר־כ ו כ ב א. (חאַפּט זיך אויף געשווינד) הא ? וואס הער איך טראָמפּעטען־שאַל !

אנפאַנגען דיא מלחמה, איז דאס א סיגנאַל ?

(ער קוקט זיך צו צו דער זייט, וואו מען הערט דאס געשרייא פון דעם רוימישען חיל).

אָ, דיא מאכט פון דעם שונא איז זעהר גרוים...

שווער זיך צו האַלטען, פערלוירען איז אַלעס — אוים ! —

(מיט פייער) ניין, שונא ! פרעה דיך נים ! אז איך קען ישוין גאר נים נעהמען ביי דיר,

א י י נ ם וועל איך ביי דיר רויבען : דיין שטאָלץ איבער מיר !

נים ד י י ן פייל זאָל דורכבויערן דיא ברוסט פון דעם גבור,

פון מ י י ן האַנד אליין איז מיר צו שטארבען ליעבער ! — —

bk

פירצעהנטעס בילד.

(ער שטעכט זיך אריין אין הארצע׳ א שווערד — פאלט אום אויף דער ערד טויט. דאס געשרייא פון דיא רוימער ווערט שטארקער, פאפוס לויפט ארויף און וויל שטעכען בר־כוכבא׳ן — קומט איהם ענטגעגען עזריה און דערשטעכט איהם — נאך איהם לויפען ארויף אויף דער מויער דאס גאנצע יודישע מיליטער — זייא קומט ענטגעגען דאס רוימישע מיליטער. עס פאנגט זיך אן דער קריעג, פעכטע, זיך, שטעכען — מיט א געשרייא. עס קלינגען שווערדען, מען הערט דאס קראכע׳ פון מויערן — דיא פעסטונג ביתר שטעהט אין פייער און ברענט, אלע טהירמע פאלען און ברעכען זיך — עטליכע רוימישע סאלדאטען לויפען צו הינטען און ברעכען אויף דעם מיטעלסטען טויער — מען זעהט דורך דעם טויער א שרעקליך בילד בעלייכטעט: איין רוימישער סאלדאט דער׳הרג׳עט א קינד אויף זיין מוטער׳ס הענד, וועהרענד דיא מוטער שטעהט אויף דיא קניע און וויל פערטהיידיגען איהר קינד — איין רוימישער העלד האלט ביים קאפ איין אלטען יודען און הייבט אויף, אויף איהם זיין שווערד — איין רוימער שטעהט מיט א פוס אויף איין יודען און מיט דער האנד שטעכט ער איהם אריין א שפיעז — דאס בילד פון הינטען אין טויער ווערט בעלייכטעט מיט גרין פייער — אויבען דיא פעסטונג, מיט רויט פייער — וועהרענד דעם רעשו, פאלט דע׳ פארהאנג לאנגזאם).

ענדע.

ספרי חנוך ולמוד

(הוצאה אמריקנית)

פרייז

אלף־בית, באותיות גדולות מאד, נדפס על בד, מדת 28x44, בעד חדרים או בתי־הספר, להדביק אל הקיר .50

בית הספר, ללמד ספרי התורה והנביאים, מאת מ. ב. שניידער, עם תרגום המלים בלשונות יהודית ואנגלית .35

בית הספר הנ"ל, חלק שני .50

דברי הימים לעם ישראל מיום היותו עד יסוד הישוב החדש בארץ ישראל, מאת זאב יעבץ .17

ההתחלה, מעטהאדע למתחילים, מאת הלל מלאכובסקי .17

היסטוריה לילדי ישראל מאת היילפרין .35

המכין, פרוזדור לכל ספרי הלמוד, מאת י. ח. טביוב, עם תרגום המלים בלשונות יהודית ואנגלית .17

המתחיל, ללמד לנערים קריאת וכתיבת שפת עבר, מאת א. לוריא וב. טעמקין .17

הנסיון הראשון, מורה לשון עבר בסגנון קל ויפה, עם תרגום המלים בלשונות יהודית ואנגלית, מאת ה. מלאכובסקי .17

הפדגוג העברי, חוקי לשון עברית ושפטיה באופן קל, בתרגום יהודית ואנגלית, מאת דוב אריה פרידמאן .17

לוח הפעלים והשמות לכל נטיותיהם, עם ציוני הדקדוק באנגלית, מאת יעקב פיליפס וא. היימאן 17

למדו היטב, מעטהאדע לראשית החנוך, באותיות גדולות מאד, מאת מ. פיק .5

למודי הקריאה, לחנך הילדים לקריאת האותיות ושפת עברית, עם תרגום אנג־לית, מאת ר. לאסקער .10

מורה עברית השלם, והוא מעטהאדע חדשה ללמד שפת עבר מן האלפא־ביתא והקריאה עד ידיעת השפה בשלמות. מעובד ומתורגם אנגלית ויהודית מאת יעקב פיליפס וא. היימאן .75

מורה עברית השלם הנ"ל, מתורגם אנגלית לבד .65

מורה עברית הנ"ל, מדרגה ראשונה .30

מקרא קודש, ראשית החנוך לילדי בני ישראל, מאת דוב אריה פרידמאן .10

נייע אידישע שול, א לעהרבוך פאר אידיש־אנפאנגער, פון י. לעווין .30

ספורי החומש, מעובדים לבני הנעורים בלשון המקרא, מאת הלל מלאכובסקי .17

ספורי החומש הנ"ל, עם אנגלית .25

ספורי המקרא, חלק ראשון (ספר בראשית), ערוכים בלשון הכתוב לילדים מתחילים, עם ציורים ושאלות לשנון, מאת ב. היילפרין .17

עברית לילדים, ראשית למודים בתורת הלשון העברית, עם תרגום המלים ותרגילים בלשון אנגלית, מאת א. היי־מאן (תרל"פ) .30

ראשון לחנוך, אלף־בית, קריאה נכונה, יסודות הלשון באופן חדש, מאת הלל מלאכובסקי .17

ראשית דעת שפת עבר, למתחילים, עם ציורים ותפלות, עם הערות בשפת אנגלית, מאת מ. קרינסקי .13

ראשית דעת שפת עבר הנ"ל, עם חלק שני .17

שלחן ערוך לבני הנעורים, עם נקודות, מאת ד. א. פרידמאן .17

שפה חיה, ללמד את ילדי ישראל לקרא ולכתוב בשפת עבר על־פי שטת הברת האותיות בעזרת ציורים, מאת פסח ליב פישמאן ומנחם מענדיל ליבערמאן .17

שפה חיה הנ"ל, חלק שני .30

שפת ילדים, מאת ח. פ. ברגמן וש. ח. ברכוז, ספר למוד לקריאה ולכתיבה, עם ספורים קטנים וקלים, עם ציורים רבים הממלאים ומשלימים את תכן הספורים, ומועילים הרבה למשוך את לבו ועיניו של התלמיד לגוף הלמוד ולחרות את הדברים בזכרונו, נדפס על נייר טוב ויפה, חלק ראשון .26

שפת ילדים הנ"ל, חלק שני .43

תולדות ישרון עם העתקה אנגלית לבני הנעורים, מאת ד. א. פרידמאן .17

ראבאט הגון למורים, לבתי-ספר ולבתי תלמוד תורה.

HEBREW PUBLISHING COMPANY, 50-52 ELDRIDGE ST., NEW YORK.